STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08345

DER ONFANGER

Yaakov Levin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב לעווין

דער אָנפאַנגער

לערבוך צו לערנען קינדער לייענען
און שרייבען אידיש

מיט זייער פיל אילוסטראַציעס
און בילדער אין טעקסט

ערשטער טייל

**

פאַרלאַג „אידישע שול"

הויפּטפאַרקויף ביי
היברו פאבלישינג קאמפּאני
77-79 דילענסי סטריט, ניו־יאָרק

Copyright, 1922, by
JACOB L. LEVIN

Printed in U.S.A.

אינהאַלט:

זייט:

פאַררעדע — V
א. — 1
ש. — 2
ל. — 3
פּ, ע. — 4
ר. — 5
ט. — 7
פ. — 9
ס, מ. — 11
י. — 14
יי. — 16
אָ. — 18
ד. — 21
נ. — 24
ן. — 26
ו — די שול. — 28
ז. שטומער א (איר). — 31
וי, יי — פּערעלע און דאָס מייזעלע — 34
ם. ף — אַ פאַרם — 36
ה — דער שיינער האָן — 39
ק, ב — די קו און דאָס קעלבל. 42
ג — די גענז — 45
די קראָ און דער פוקס. — כאַבל, נאָך א. שטיינבערג — 48
וו — דער וואָלף און דער בושל 49
די מאַמע. טאָלסטאָי — 52
איי, אוי — דעם פאַרמערס אייזל — 52
די מוראַשקע און דאָס קערנדל 55
כ — דער בלינדער און דאָס ליכט — 56
פון קאָפּ אַרויס — 58
אַ שנייעלע. ליד. י. ל. פּרץ — 58
ד — ווענען זאָל געהערן דאָס בוך — 59

זייט:

ליבע פאַר ליבע — 60
וואָלף, בער און פוקס — 61
דאָס מיידעלע און דאָס פייגעלע. ליד — 61
די שפּיל אין בלענדעניש — 62
דער שטומער — 63
צ — צוויי ציגן — 64
גוט מאָרגן! ליד. ש. י. לאָנדינסקי — 67
די פּים זיינען צו גרויס — 67
דאָס קינד און די פּעני — 68
דער פראָסט. ליד. מ. אָרלין — 68
דאָס קינד און דאָס קיכל — 69
אַ קלוגער דינער — 69
דער פוקס און דער לייב. פאַבל. נ. יערוסאַלימטשיק — 70
ץ — די קאַץ און דער אָדלער 71
דער ערשטער שניי. ליד. ז. סעגאַלאָוויטש — 73
דער הונט און זיין שאָטן — 74
דאָס מייזעלע און דאָס אינגעלע. ליד. י. קאצענעלסאָן — 75
רעטעניש. — פאָלקסליד — 76
דער דרייסטער יעגער — 77
דרייסטקייט — 78
דער יעגער. ליד. י. ל. פּרץ — 79
דער יעגער און די פייגל — 80
אַ בער אַ וואַסערטרעגער. ליד. א. שטיינבערג — 81
זש. — די זשאַבע און די קאַץ 82
די אינגלאַך און די זשאַבעס 83
טש. — דער ליגנער ביי דער טשערעדע — 84
דער ווינטער. ליד. מ. ריוועסמאַן — 85

זייט:
די קלעזמער. ליד. א. שטיינבערג — 86
שטאַרקע ליבע — 87
דער בייל — 88
דאָס קינד און דאָס פייגעלע. פאָלקסליד — 89
קומט דער ליבער זומער. פאָלקסליד — 89
אַ קלוגער אינגל — 90
אַ קלוגער פאַרשלאָג — 90
אַ צוגעדעקטע שיסל — 91
די גאַנז מיט די גאָלדענע אייער 92
די גאַנז און דער שטאָרך — 93
נים — 93
דאָס הענדל. ליד — 94
ניט געשטויגן, ניט געפלויגן. ליד. יערוסאַלימטשיק — 95
אויסגעוואַקסן — 97
דער בעזים — 97

זייט:
אַ קלוגער ענטפער — 98
די מאַמע. אַ ליד. ד. איינהאָרן 99
קעצלס ליד. ליד. ז. סעגאַלאָוויטש — 99
מיר וויסן, מיר וויסן — 100
די מומע זעלדע. ליד. קאַפילאָוויטש — 102
דער פוקס און דער שטאָרך — 103
דער שלעכטער ברודער. תשרק 105
די זיבן ציגעלאַך און דער וואָלף. גרים — 107
די קלוגע נייטאָרין. ליד. לאה קאַפילאָוויטש — 109
דער גוטער זון. פון רוסיש — 110
אַן אַלטער ווייטיק. פון רוסיש 110
דער הויקער. פון רוסיש — 111
דער זיידע און דער אייניקל — 112
פרימאָרגן. ליד. מ. באָגדאַנסקי 114
שלעכט וואַסער — 115

פאָררעדע.

מיט אַ יאָר זעקס צוריק איז אַרויס דאָס ביכל „נייע אידישע שול“ ערשטער טייל. פון דעמאָלט ביז איצט איז אַוועק ביז 60 טויזנט עקזעמפּלאַרן פון אָט דעם ביכל. דאָס באַווייזט, אַז אין אַזאַ ביכל איז געווען אַ באַדערפעניש. און אין דער אמת׳ן איז עס אין יענער צייט, לויט דער אַלגעמיינער אַנערקענונג, געווען אין פילע הינזיכטן אַ שריט פאָרויס אין פאַרגלייך מיט די אַלע אַנדערע אידישע אָנפאנגער לערנביכלאַך.

איצט אָבער איז שוין די „נייע אידישע שול“ ערשטער טייל — זיכער מער ווי פאַרעלטערט. די פאָדערונגען פון דער אידישער שול און פונ׳ם אידישן לערער זיינען פאַר דער צייט אויסגעוואַקסן, און די חסרונות פון אָט דעם לערנביכל זיינען דעריבער געוואָרן מער קענטיק. אינ׳ם ביכל זיינען פאַראַן איבעריקע טיילן, ווי דער גראַמאַטישער און די אָפּטיילונג פון די ביבלישע מעשות, וואָס ווערן מיט קלענערע קינדער אינגאַנצן ניט אויסגענוצט; דער העברעיאישער עלעמענט הייבט זיך דאָרט אָן צו פרי; מאַטעריאַל צום לייענען — מעשה׳לאַך — איז דאָרט פאַראַן פאַרהעלט־נישמעסיק צו ווייניק, און אייניקע פון די מעשה׳לאַך זיינען נאָך דערצו צו שווער פאַר אָנפאַנגער־קינדער; די אותיות אין אָנהייב ביכל ווערן געגעבן צו דריי און צו פיר מיט אַמאָל, וואָס איז זיכער צו פיל און צו שווער פאַר אָנפאַנגער. און אַ דאַנק דעם וואָס אין פּרינציפּ פונ׳ם ביכל ליגט דער כלל: „ניט ווייניקער פון אַ וואָרט“ — טרעפן זיך דאָרטן אָפּגעריסענע ווערטער, ניט אין זאַצן; עס טרעפן זיך אויך ווערטער און אָפטמאָל אויך זאצן, וואָס האָבן קיין שום צוזאַמענהאַנג ניט מיט דעם גאַנצן איבעריקן מאַטעריאַל פון דער לעקציע. אָט די אַלע חסרונות האָבן אַרויסגערופן אַ באַדערפעניש אין אַ נייו אידיש לערנבוך פאַר אָנפאַנגער.

פאַר דער צייט זיינען ערשינען אַ פּאָר אידישע אָנפאַנגער־ביכלאַך. אָבער זיי זיינען, ווי מיר דוכט, ניט צופרידנשטעלנד. און זיי שטעלן ניט צופרידן ניט דערפאַר, וואָס דער מעטאָד, וואָס ליגט אין זייער יסוד, איז ניט דער ריכטיקער. (זיי באַנוצן אויך דעם פ אָ נ י ש ן מעטאָד, וואָס איז, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, מער ווי אַנדערע צוגעפּאַסט צו דער אידישער שפּראַך). נאָר דערפאַר וואָס דער אופן פון אויסנוצן דעם מאַטעריאַל, דער סדר, אין וועלכן דאָס ווערט געטאָן, און דער מאַטעריאַל גופא זייערער איז ניט פּאַסיק פאַר די אידישע שולן: די אַלע מכשפות און פייעס, אין וועלכע מיר גלויבן ניט, און די אַלע פּרינצן און קעניגן, פון וועלכע מיר האַלטן ניט, וואָלטן שוין לאַנג געדאַרפט אינגאַנצן פאַרטריבן ווערן פון אונזערע שולן, און אין אָט די ביכלאַך שפּילן זיי נאָך גאָר אַ גרויסע ראָל.

מיט אָט דעם ביכל „דער אָנפאַנגער“ האָט דער אויטאָר אין זינען כאָטש טייל־ווייז צו באַפרידיקן די גרויסע באַדערפעניש אין אַן אָנפאַנגער לערנבוך, וואָס איז איצט פאַראַן ביי דער איד. שול. אויף וויפיל דאָס האָט זיך אים איינגעגעבן, וועלן אורטיילן די לערער.

וואָס איז דער מעטאָד, לויט וועלכן דאָס ביכל איז צוזאַמענגעשטעלט? דער אַווטאָר דענקט, אַז עס איז ניטאָ קיין איין מעטאָד, וועגן וועלכן מען זאָל קענען זאָגן, אַז ער האָט בלויז מעלות און קיינע חסרונות און פאַרקערט. יעדער מעטאָד האָט זיך סיי זיינע מעלות, סיי זיינע חסרונות, אָבער צו פאַרשידענע שפּראַכן קאָנען — אַ דאַנק די באַזונדערע אייגנשאַפטן פון אויסלייגן פון דער שפּראַך — זיין מער צוגעפּאַסט דער אָדער יענער מעטאָד. דער בעסטער מעטאָד איז דעריבער דער עקלעקטישער: ווען מען נוצט אויס די מעלות פון אַלע און מען זעט אויסצומיידן אויף וויפיל מעגלאַך זייערע חסרונות.

מען מוז זיך אָבער רעכענען פריער פון אַלץ דערמיט, וואָס מיר האָבן צו טאָן מיט דער אידישער שפּראַך, און מיר דאַרפן אויסקלייבן אַלס גרונד־מעטאָד דעם, וואָס איז אַמבעסטן צוגעפּאַסט צו אידיש.

ביים לערנען ענגליש מיט די קליינע קינדער באַנוצט מען געוויינלאַך דעם וויזועלן מעטאָד (קוק און לייען!) דער מעטאָד האָט געוויסע מעלות — הויפּט־זאַכלאַך — וואָס געברויכנדיק אים קאָן מען גלייך אָנהייבן לייענען מיט די קינדער ניט נאָר זאַצן, נאָר גאַנצע מעשה׳לאַך און לידער. אָבער אָט די מעלות זיינען אַ קלייניקייט אין פאַרגלייך מיט די גוואַלדיקסטע חסרונות זיינע. און די חסרונות זיינען אין טייל פאָלגנדע: 1) קינדער לייענען די ווערטער, ניט פאַרשטייענדיק, פאַרוואָס זיי לייענען דאָס אַזוי און ניט אַנדערש; 2) זיי קענען לייענען נאָר דאָס, וואָס זיי איז אויסגעקומען איבערצולייענען אין דער שול, אָבער קיינע אַנדערע ווערטער, אַזוי אַז אפילו אין דריטן קלאַס קאָנען נאָך די קינדער אַ סך ווערטער ניט דורכלייענען; 3) זיי מוזן זייער פיל מאָל איבערלייענען די זאַך — דאָס מעשה׳לע, דאָס לידל, אַזוי אַז דאָס ווערט זיי נמאס. די הנאה פון דער מעשה ווערט אויסגעקויפט מיט דער נודנעקייט פון לייענען פיל מאָל דאָסזעלבע; און 4) די קינדער לערנען זיך מערסטנס אויס די זאַכן אויף אויסווייניק און מען קאָן זייער שווער קאָנטראָלירן, צי זיי דערקענען די ווערטער, צי זיי לייענען אויף אויסווייניק.

דער ריין וויזועלער מעטאָד איז דעריבער גאָר ניט אַזוי מעלה׳דיק, ווי אייניקע אונזערע לערער האָבן זיך איינגערעדט דערפאַר, וואָס זיי זעען, אַז אָט דער מעטאָד ווערט באַנוצט כמעט אין אַלע ענגלישע שולן. די ענגלישע אָרטאָגראַפיע איז אַזאַ, אַז דער פאָנעטישער מעטאָד מיט זיינע דיאַקריטישע צייכנס לערנט די קינדער לייענען פאַקטיש ניט דאָס, וואָס זיי באַגעגענען און וועלן באַגעגענען אין די געוויינלאַכע ביכער. די ענגליש־רעדנדע קאָנען זיך דעריבער ניט העלפן און מוזן זיך באַגנוגענען מיט דעם וויזועלן מעטאָד. אייניקע לערער אונזערע מאַכן אָבער פון אָט דער דאָזיקער נויט אַ טוגנד און פרעדיקן צו באַנוצן זיך מיט אָט דעם מעטאָד אויך ביים לערנען לייענען אידיש, הגם צו אידיש איז זיכער פיל מער צוגעפּאַסט אַ בעסערער מעטאָד, דער פאָנישער.

דער דאָזיקער מעטאָד האָט גוואַלדיקע מעלות. מיט וואָס פאַר אַ קליינעם טייל פון די אותיות דאָס קינד זאָל ניט ווערן באַקאַנט, קאָן עס שוין באַוואוסטזיניק דורכלייענען ווערטער און אפילו זאַצן. ער קאָן לייענען ניט בלויז דאָס, וואָס דער לערער האָט מיט אים עטלאַכע מאָל דורכגעלייענט, נאָר בכלל אַלץ, וואָס באַשטייט פון די אותיות, וועלכע זיינען אים באַקאַנט. ביי קיין אַנדער מעטאָד קען זיך דאָס קינד ניט באַציִען אַזוי באַוואוסטזיניק צו דער אַרבעט פון לייענען, ווי ביי דעם פאָנישן. און האָט דאָס קינד זיך באַקאָנט מיט אַלע אותיות פונ׳ם אלף־בית (אין משך פון דריי ביז זעקס חדשים), קאָן עס שוין נאָכ־

דעם לייענען אַלין, וואָס עס קומט אים אונטער'ן האַנט, און עס פאַרשטייט אַלץ, וואָס עס איז נאָר צוגענגלאַך צו אים לויט'ן אינהאַלט.

דער פאָנישער מעטאָד, ווייזט מען אָבער אָן, האָט זיינע חסרונות. ווי מען פלעגט אים אַמאָל באַנוצן, איז ער באַשטאַנען אין אויסבילדן און אין לייענען זילבן: באַ, גאַ, דאַ; בע, גע, דע, א. אַז. וו. און דאָס איז לכל הדעות פּונקט אַזוי אומזיניק, ווי לייענען קמץ אלף אָ*).

מען ווייזט מיט רעכט אויך אָן, אַז דער עלעמענט פון דענקן איז עטוואָס, וואָס איז ניט ווייניקער פון *אַוואָרט*; ריכטיקער — אַ פאַרייניקונג פון ווערטער אויף אויסצודריקן אַ גאַנצן געדאַנק — *אַ זאַץ*. און אויב מען וויל נאָך, אַז דאָס לייענען זאָל אָנהאַלטן אין זיך עטוואָס *אינטערעסאַנטעס* פאַר'ן קינד, דאַרף מען אים גלייך געבן אַ גאַנץ *מעשה'לע*, אָדער עטוואָס, וואָס האָט אין זיך דעם עלעמענט פון אַ מעשה'לע. און אויף די ערשטע שטופן פון לייענען, ווען דאָס קינד איז באַקאַנט בלויז מיט ווייניקע אותיות, איז אים שווער צו געבן ניט נאָר אַ מעשה, נאָר אָפטמאָל אפילו אַ זאַץ.

דאָס אַלץ איז ריכטיק. אָבער קיינער שטערט אונז ניט ביים אָנווענדן דעם פאָנישן מעטאָד צו באַנוצן זיך אויך מיט די זיכערע מעלות פון דעם וויזועלן מעטאָד — מיט דעם זאַץ אָדער מיט דעם מעשה'לע גלייך פון אָנהייב. מער ניש — אָט דאָס מעשה'לע דאַרף דינען הויפּטזאַכלאַך צו פאַרגרעסערן דעם אינטערעס פונ'ם קינד, און אַלס מאַטעריאַל צום שמועסן. אָבער צוליב לערנען דאָס קינד לייענען דאַרף מען זיך *הויפּטזאַכלאַך* אָפּשטעלן אויף יענע טיילן פון דעם מעשה'לע — אויף די אותיות און ווערטער, — וואָס קענען דינען אַלס בעסטע אילוסטראַציע יעדעס מאָל פאַר דעם אָדער יענעם נייעם אות און פאַר די אותיות, מיט וועלכע דאָס קינד איז שוין באַקאַנט פון פריער. אמת, דאָס פּויאיקע קינד קאָן זיך עפּעס און אַמאָל אַ היבש ביסל לערנען — אין הינזיכט פון לייענען — אויך פון זען אַ סך מאָל דאָס זעלבע וואָרט אין דעם מעשה'לע אָדער דאָס זעלבע וואָרט אין עטלאַכע עקציעס אָדער פון פאַרגלייכן פאַרשידענע ווערטער מיט איינאַנדער און אויף אַזאַ'ן אופן דערגענצן דאָס, צו וואָס דער לערער האָט באַזונדערס געצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט. און דערפאַר טאַקע איז בעסער אויסצונוצן דעם קאָמבינירטן, אָדער עקלעקטישן מעטאָד, ווי דעם ריינעם פאָנישן. די ריכטשנור אָבער ביים לערנען דאָס קינד לייענען אידיש דאַרף זיין דער *פאָנישער* מעטאָד.

אָט לויט דעם אָנגעוויזענעם עקלעקטישן מעטאָד, אין יסוד פון וועלכן עס

---

*) די שווערקייט פון פאַרבינדן ריכטיק געוויסע קאָנסאָנאַנטן מיט אַ וואָקאַל, אַ שווערקייט, אויף וועלכער עס האָט אָנגעוויזן זשיטאָמירסקי אין די מעטאָדישע אָנווייזונגען צו דער „נייער שול“) איז אַזאַ אומבאַדײַטנדע קלייניקייט אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע שווערקייטן אויף וועלכע דאָס קינד שטויסט זיך אָן ביים אָנהייבן לערנען לייענען, אַז מען קאָן זי גאַנץ רואיק פאַרבייגיין. איך רעד שוין ניט וועגן דעם, אַז זשיטאָמירסקיס מיטל צו געבן די קינדער גאַנצע זראַפּן דורך נקודות אונטער די קאָנסטאַנטן, מאַכט די גאַנצע אַרבעט פיל קאָמפּליצירטער און דעריבער שווערער, אויסער וואָס דאָס מאַכט דאָס לייענען אומנאַטירלאַך, ווייל ווי אַלע אַנדערע דיאַקריטישע צייכנס זיינען זיי פרעמד דער שפּראַך; די קינדער וועלן זיך מיט זיי אין ערגעץ אין דעם געדרוקטן וואָרט ניט טרעפן.

ליגט דער פאָנישער מעטאָד, איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דאָס דאָזיקע ביכל — „דער אָנפאַנגער“.

עס מוז אָבער אָנגעמערקט ווערן, אז דאָס לערנען **לייענען** טאָר בשום־אופן ניט ווערן אַן אבסאָליוט איינזייטיקע זאַך פאַר׳ן לעזער — אויסצולערנען איבערלייענען ווערטער. ניט ווייניקער וויכטיק פון לערנען לייענען איז — לערנען דאָס קינד **רעדן** אידיש, און נאָך פיל מער וויכטיק איז — **אַנטוויקלען** דאָס קינד, באַרייכערן עס מיט נייע באַגריפן. **דער שמועס ביי יעדער לעקציע איז דעריבער ניט ווייניקער וויכטיק איידער דער לייען־עלעמענט אין איר.**

דער לערער קאָן דעריבער אויסנוצן דאָס דאָזיקע ביכל אויף אַזאַ׳ן אופן: צוערשט נוצט ער אויס פאַרשידענע בילדער פונ׳ם בוך צו שמועסן מיט די קינדער און זען, זיי זאָלן פאַרשטיין, וואָס דער לערער רעדט צו זיי, און זיי זאָלן קאָנען ענטפערן. נאָכדעם קאָן ער צוגיין צו לערנען זיי לייענען. דאָס לערנען לייענען גופא קאָן געפירט ווערן אַזוי: אין אָנהייב פון יעדער לעקציע קומט געוויינלאַך אַ בילד. דער לערער לאָזט די קינדער זיך גוט צוקוקן צום בילד. נאָכדעם שמועסט ער מיט זיי וועגן דעם אינהאַלט פונ׳ם בילד. דער שמועס קאָן זיין אַזוי ברייט, ווי מעגלאַך, אָבער דער לערער דאַרף דורך אָנפירנדע פראַגן ארויסברענגען באַזונדערס בולט די זאַצן, וואָס זיינען אונטערגעשריבן אונטער׳ן בילד.

אין דער ערשטער לעקציע, למשל: קאָנען קומען פאָלגנדע פראַגן: פר.: ווער זיצט ביים וויגעלע? — ע.: די מאַמע זיצט ביים וויגעלע. — פר.: וואָס טוט די מאַמע? — ע.: די מאַמע וויגט אַ קינד. — פר.: דאָס קינד איז אַ אינגעלע און הייסט סעמעלע. וועמען וויגט די מאַמע? — ע.: די מאַמע וויגט סעמעלען. — פר.: וואָס טוט די מאַמע ביים וויגן? — ע.: די מאַמע זינגט. — פר.: ווער האָט געהערט, ווי אַ מאַמע פאַרוויגט אַ קינד? וואָס פאַר אַ לידעלע, וואָס פאַר אַ ניגונ׳דל זינגט זי? — ע.: זי זינגט: אַ־אַ־אַ־אַ, אַ־אַ־אַ־אַ. דער לערער לייענט דאַן איבער פאַר׳ן קלאַס איין מאָל און צוויי מאָל די זאַצן, וואָס אונטער׳ן בילד. און נאָכדעם בעט ער די קינדער אַלע מיט אַמאָל און שפּעטער — איינציקווייז — איבערצולייענען די זאַצן.

ווען די זאַצן זיינען דורכגעלייענט, ציט דער לערער באַזונדערס די אויפמערקזאַמקייט פון די קינדער צו די ווערטער: „אַ־אַ־אַ־אַ, אַ־אַ־אַ־אַ“, וואָס זיינען געדרוקט מיט גרעסערן שריפט. דערנאָך ווייזט ער זיי אויף דעם גאָר גרויסן „אַ“, וואָס שטייט ביי דער זייט, און מערקט זיי אָן, אַז יעדעס מאָל, ווען זיי זעען אַזאַ צייכן, אַזאַ אות, דאַרפן זיי עס לייענען „אַ“. ער קאָן זיי דערנאָך ווייזן אַזאַ׳ן אלף אויף קאַרטאָן, אויב ער האָט אַ גרויסן באַוועגלאכן אלף־בית, און בעטן זיי אויסזוכן אָט דעם אות אין די אַנדערע ווערטער, וואָס זיינען פאַראַן אין דער לעקציע.

ביי דער צווייטער לעקציע שמועסט ווידער דער לערער וועגן דעם, וואָס די קינדער זעען אויפ׳ן בילד. און צווישן אַנדערע קענען קומען, למשל, פאָלגענדע אָנפירנדע פראַגן. פ.: ווער איז אַריין געקומען אין צימער? — ע.: אַ מיידעלע. פ.: דאָס מיידעלע הייסט פערעלע. פון וואַנען קומט זי? — ע.: פון שול. פ.: ווי קומט זי אַריין: שטיל צי מיט טומל? — ע.: מיט טומל. פ.: וואָס זאָגט איר די מאַמע? — ע.: ש! פ.: און ווען פערעלע פאָלגט ניט און טומלט ווייטער? — ע.: שרייט אויף איר די מאַמע אָן. פ.: ווי שרייט זי אָן? — ע.: שאַ, שטילער! פ.: פאָלגט דעמאָלט פערעלע? — יע, זי פאָלגט; זי ווערט שטיל.

דער לערער לייענט דורך די זאַצן אונטער׳ן בילד און לאָזט דערנאָך די קינ־דער דורכלייענען די זאַצן. נאָכדעם ציט דער לערער די אויפמערקזאמקייט פון די קינדער צום וואָרט „שו“ און צו דעם גרויסען „ש“ אָן דער זייט. ער מערקט אָן, אַז אומעטום וואו די קינדער זעען אַזאַ׳ן אות, דאַרפן זיי עס לייענען ש. ער בעט זיי נאָכדעם דורכלייענען דאָס צווייטע וואָרט, געדרוקט מיט גרעסערע שריפט. ווען די קינדער קאָנען דאָס אַליין נאָך ניט טאָן (וואָס עס קאָן טרעפן זעלטן), ווייזט זיי דער לערער: איר זעט — ש־־אַ, ש־אַ, שאַ. און לאָזט די קינדער אויף דעם זעלבן אופן פאַרבינדן דעם קאנסאָנאַנט מיט׳ן וואָקאַל. ער קאָן אויך בעטן אויס־געפינען דעם אות „ש“ אין אנדערע ווערטער אין דער לעקציע.

אויף דעם זעלבן אופן ווערט די קינדער אָנגעוויזן אויף די אַנדערע נייע אותיות. אין דער דריטער לעקציע פרעגט דער לערער: אין וואָס גייט אָנגעטאָן די מוטער? — ע.: אין אַ שאַל. דער לערער לאָזט דאָס קינד איבערלייענען דאָס וואָרט אונטער׳ן קליינעם בילד (די מאַמע אין א שאַל). דער לערער ציט די אויפ־מערקזאמקייט פון די קינדער אויפ׳ן קלאנג „ל“ אויפ׳ן סוף פונ׳ם וואָרט און אויף דעם אות ל און באַמערקט, אז אומעטום וואו די קינדער וועלן טרעפן אַזאַ׳ן אות, דאַרפן זיי עס לייענען: ל. ער ווייזט אויך, ווי אַזוי אויסצורעדן דאָס וואָרט שאַל מיט דעם נייעם קלאנג „ל“ אויפ׳ן סוף.

אין יעדער ווייטערדיקער לעקציע ווערט געגעבן איין נייער אות, זעלטן צוויי. דערביי קומט אַ בילדל מיט אַן אונטערשריפט, און די אונטערשריפט האָט אין זיך דעם נייעם אות מיט גרעסערער שריפט אין אָנהייב וואָרט אָדער אין סוף (זייער זעלטן אין מיטן). דער לערער באַנוצט אָט דאָס דאָזיקע וואָרט, כדי צו ציען די אויפמערקזאמקייט פון די קינדער צו די נייע אותיות.

אָנהייבנדיק פון דער 4־טער לעקציע קומען אַריין זאַצן מיט צווייערליי ווער־טער: מיט גרעסערער שריפט און מיט קלענערער. אַלע ווערטער מיט גרעסערער שריפט דאַרפן די קינדער קענען דורכלייענען אליין, נאָכדעם ווי דער לערער מאַכט זיי באַקאַנט מיט דעם נייעם אות, און די ווערטער מיט קלענערער שריפט קאָנען זיי אַמאָל יאָ דורכלייענען, ווייל זיי האָבן זיי געהאט אין די פריערדיקע לעקציעס, און אַמאָל ניט. זייער אָפט אָבער קאן מען זיך אויף די נאָך אומבאַקאַנטע ווערטער אָנשטויסן לויט׳ן אינהאלט, ווען מען לייענט איבער די ווערטער פון זאַץ, וואָס זיינען באַקאַנט. וואָס ווייטער, ווערן די ווערטער מיט גרעסערער שריפט אַלץ אָפ־טער און מיט קלענערער אלץ זעלטענער. און די אַרבעט פון אָנשטויסן זיך און דורכלייענען די גאַנצע זאַצן, ווען אין זיי זיינען אפילו נאָך פאַראַן אומבאַקאַנטע ווערטער, קאָן פאַרוואַנדעלט ווערן אין איינער פון די אינטערעסאַנטסטע אַרבעטן אין קלאַס, און די דאָזיקע אַרבעט קאָן אויך אַריינטראָגן דעם עלעמענט פון שפיל און געוועט אין דער לעקציע, וואָס קאן זי מאַכן זייער לעבעדיק. דער לערער דאַרף דעריבער באַזונדערס אין די ווייטערדיקע לעקציעס ניט גלייך אַליין דורכלייענען פאַר די קינדער די ווערטער מיט קלענערער שריפט, נאָר לאָזן די קינדער פריער אַליין „טרעפן“ די גאַנצע זאַצן. און ערשט שפעטער קען ער זיי, ווען ער געפינט פאַר נייטיק, פאַרריכטן די פעלערן.

דער סדר פון דער אַרבעט אין יעדער לעקציע אָנהייבנדיק פון דער 4־טער, קאָן אויף אַזאַ׳ן אופן זיין אַזאַ. 1) דער לערער בעט די קינדער באַטראַכטן דאָס בילד און שמועסט דערנאָך מיט די קינדער וועגן דעם אינהאַלט פונ׳ם בילד 2) דער לערער מאַכט באַקאַנט די קינדער מיט׳ן נייעם אות.

נעמען זיך צו הילף דאָס קליינע בילדל מיט דער אונטערשריפט און מיט דעם גרויסן אות דערביי. 3) דער לערער לאָזט די קינדער ל י י ע נ ע ן די זאַצן „שטי־לערהייט“, ד. ה. טרעפן די זאַצן, און דערנאָך לייענען פאַר'ן קלאַס; וואו די קינ־דער ווייסן ניט, זאָגט דער לערער אונטער די ווערטער מיט קלענערער שריפט.

אין יעדער לעקציע ווערט געגעבן דער נייער אות ניט בלויז אין זיין ג ע־ד ר ו ק ט ע ר פאָרם, נאָר אויך אין דער ג ע ש ר י ב ע נ ע ר. דער פּאַרפאַסער האַלט, אַז מען דאַרף לערנען די קינדער ש ר י י ב ן אײנצייטיק מיט'ן לייענען. וויל אויב לייענען מיינט אַ נ אַ ל י ז י ר ן דאָס וואָרט (דאָס ג אַ נ צ ע וואָרט דורכלייענען טיילנוויז, זילב נאָך זילב, אָדער קלאַנג נאָך קלאַנג), מיינט שרייבן — ס י נ ט ע ז י ר ן (צוזאַמענשטעלן פון א י נ צ ע ל נ ע אותיות אַ גאַנץ וואָרט). און ביידע עלעמענטן קענען און דאַרפן אַרויסהעלפן אײנער דעם אַנדערן. און ווידער: ווען אַ קינד שרייבט אויף דאָס וואָרט, דאַרף ער עס דערנאָך איבערלייענען.

אויסערדעם: עס איז ניט מעגלאַך צו טאָן מיט קליינע קינדער איין אַרבעט אַ לענגערע צייט. עס איז נייטיק די אַרבעט צו וואַריאירן. און שרייבן קאָן זיין זייער אַ גוטע וואַריאַציע צום לייענען, הגם דאָס שרייבן זעצט אין דער זעלבער צייט פאָר די אַרבעט פון לייענען און קאָן אויף אַזאַ'ן אופן פאַרלענגערן די לייען־לעקציע. און ווידער: ביים שרייבן נעמט ביים קינד אַן אַנטייל ניט נאָר דאָס אויג, דאָס אויער און דאָס מויל, נאָר אויך די האַנט, און אַרבעט פון האַנט איז פאַר אַ קינד פיל מער אינטערעסאַנט.

און ווען איך רעד וועגן שרייבן, מיין איך ניט בלויז שרייבן מיט אַ בלייַ־פעדער אויפ'ן פּאַפּיר אָדער מיט קרייד אויפ'ן טאָוול. שרייבן וועט אויך מיינען — צוזאַמענשטעלן פון באַוועגלאַכע אותיות געוויסע ווערטער. דער לערער קאָן צוליב דעם צוועק אויסנוצן די אלף־בית'ן, וואָס ווערן געדרוקט אין דעם בוך. ער לאָזט די קינדער זיי אָנקלעפּן אויף קאַרטאָן און צעשניידן. די קינדער קאָנען האַלטן די אותיות און קאָנווערטן און באַנוצן זיי — צו „שרייבן“. אין אַ סך לעקציעס זיינען פאַראַן צום סוף קליינע בילדלאַך. די ווערטער, וואָס באַצייכענען די בילד־לאַך, זיינען אַזעלכע, אז די קינדער דאַרפן קענען זיי אָנשרייבן. און דער לערער קאָן לאָזן די קינדער „אָנשרייבן“ אָט די ווערטער מיט די באַוועגלאַכע אותיות אונ־טער די בילדער גופא.

אין אַלע לעקציעס, ביז עס ווערט פאַרענדיקט דער אלף־בית, ווערט גע־געבן אַ געשריבענער טייל. דאָס איז געגעבן צוליב צוויי זאַכן: ערשטנס צוליב דעם, אַז די קינדער זאָלן זיך אויסלערנען לייענען געשריבנס, און צווייטנס — די קינדער זאָלן אָנהייבן שרייבן שענער, האָבנדיק פאַר זיך נאָכצוקוקן ריכטיקע, שע־נערע אותיות. לעצטנס הערשט אין געוויסע קרייזן אַ שרעקלאַכער כעס אויף אַראָפּ־שרייבן פון בוך. דאָס איז אַ גערעכטע רעאַקציע געגן דעם אַמאָליקן מעטאָד פון די לערער צו לאָזן די קינדער כסדר שרייבן פון בוך. אָבער ווי יעדע רעאַקציע איז זי ניט אין גאַנצן גערעכט. און עס דאַרף בשום אופן ניט פאַררעכנט ווערן פאַר פאַר־באָטן צו לאָזן די קינדער נאָכשרייבן אַ שענערע שריפט, כדי אויסצואַרבעטן ביי זיך אַ שענערן כתב. און מען דאַרף טאַקע אויך עצה'ן די לערער, זיי זאָלן שוין פון אָנהייב אָן אַכטונג געבן אויף דעם כתב פון די קינדער. געוואוינט מען צו די קינדער שוין פון אָנהייב אָן צו שרייבן ריין און שיין, זיינען שפּעטער ניטאָ

קיין שוועריקייטן. פאַרלאָזט מען דאָס אָבער פון אָנהייב, איז שוין שפּעטער זייער שווער צו פאַרריכטן די מיאוס'ע האַנטשריפט פון די קינדער. און אַ ריינע, שיינע האַנטשריפט איז פּונקט אַזוי וויכטיק, ווי ריינע, שיינע קליידער און ריינע הענט.

די אָרטאָגראַפיע אינ'ם בוך איז די נייע. זי איז ניט אין אַן ערך איינפאַכער, איידער די פריערדיקע. אָבער דאָך איז אפילו אינ'ם איצטיקן אויסלייגן פאַראַן אַ גאַנצע ריי באַזונדערהייטן, אויף וועלכע מען דאַרף ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די קינדער, כדי זיי זאָלן קאָנען דורכלייענען די ווערטער ריכטיק און שפּעטער — שרייבן זיי ריכטיק. די ערשטע זאַך קומט דער „ש ט ו מ ע ר" — פּראָסטעטישער — „א" אין אָנהייב וואָרט. דאָס ערשטע מאָל קומט ער פאָר אין דער 15-טער לעקציע צוזאַמען מיט נאָך א נייעם אות (דעם „ן") און שפּעטער קומט ער אַליין אין אַ לעקציע (לעקצ. 22). דער לערער דאַרף זיך אויף אָט דער אייגנשאַפט פון די אידישע ווערטער, וואָס הייבן זיך אָן מיט אַ „י" אָדער אַ „ו", אָפּשטעלן מערער, מאַכנדיק איבונגען, אָנווייזנדיק אַ גאַנצע רייע אַזעלכע ווערטער און בעטנדיק די קינדער צו געבן אַזעלכע ווערטער.

נאָכ'ן שטומען „א" קומען די ש ל ו ס - א ו ת י ו ת. פאַר די קינדער איז ניט שווער צו פאַרגעדענקען די צווייענדיקע פאָרם פון די אותיות כ, מ, נ, פ. צ, און זיי קאָנען גאַנץ לייכט דורכלייענען זיי. אָבער צו באַנוצן די שלוס-אותיות ביים שרייבן — דאָס איז שוין אַ גאַנץ אַנדער פראַגע. מען מוז אויף דעם מאַכן אַ גאַנצע ריי איבונגען אפילו דאָס צווייטע יאָר. דאָך וועט דער לערער דערגרייכן בעסערע און זיכערערע רעזולטאַטן, ווען ער וועט אַכטונג געבן שוין פון אָנהייב אָן, אַז די קינדער זאָלן שרייבן ריכטיק.

נאָך די שלוס-אותיות קומט דער „י" — קאָנסאָנאַנט, אויף וועלכן מען דאַרף מאַכן מער איבונגען; די צוזאַמענגעזעצטע אותיות „זש" און „טש"; דער ש ט ו מ ע ר „א" צווישן וואוון; די ווערטער: א י ד, א י נ ג ל, א י נ ג ע ר, וואָס מען דאַרף די קינדער צוגעוואוינען אַרויסצורעדן זיי ווי י י ד, י י נ ג ל, י י ד י ש; אַזעלכע ווערטער, ווי ג אַ נ ז, ה אַ ל ז, מ ע נ ש, וואָס מען דאַרף די קינדער צוגעוואוינען אַרויסצורעדן ווי ג אַ נ ד ז, ה אַ ל ד ז, מ ע נ ט ש; דער „ע" פאַר „נג" און „נק", וואָס ווערט אַרויסגערעדט ווי „יִ" (ענג, בענקען). דער ו ו י י כ מ אַ כ נ ד י ק ע ר „י"; דער ש ט ו מ ע ר „ד" פאַר'ן „ט" (פאַרבלענדט); דער ש ט ו מ ע ר „א" אין מיטן וואָרט צווישן צוויי וואָקאַלן (רואיק); דער א פּ א ס ט ר אָ ף ביי דער פאַרקירצונג (מיט'ן, אינ'ם) און דאָס ב י נ ד ש ט ר י כ ל.

די אויפגאַבע פונ'ם לערער ביים באַקאַנען די קינדער דאָס ערשטע האַלבע יאָר מיט די דאָזיקע אַלע איינצלהייטן פון דעם אידישן אויסלייגן איז — בלויז ברענגען דערצו, אַז די קינדער זאָלן זיך ניט אָפּשטעלן, ווען זיי גועלן באַגעגענען אין בוך געוויסע צייכנס, און אַז זיי זאָלן לייענען ר י כ ט י ק יעדעס וואָרט. דער לערער מוז זיך אָבער ניט אָפּשטעלן גענוי ביים דורכגיין די אַלע איינצלהייטן מיט די אָנפאַנגער קינדער, און ניט פאָדערן פון זיי, אַז זיי זאָלן שוין גלייך קאָנען באַנוצן אָט די איינצלהייטן ביים אויסלייגן. דאָס לעצטע איז אַ פיל דויערנדער פּראָצעס, ווי אויסלע'נען זיך לייענען. פאַרגעדענקען ווי איבערצולייענען, וואָס יענער האָט געשריבן, איז פיל לייכטער, ווי צו פאַרגעדענקען, ווי אַליין צו שרייבן.

אינ'ם גאַנצן בוך ווערן באַנוצט די ווערטער „אַף" און „אויף" און ניט

„אויף“. דאָס איז ערשטנס דערפֿאַר, וואָס עס איז שווער צוצוגעוואוינען דאָס קינד צו לייענען דאָס וואָרט „אויף“ אַנדערש, ווי עס ווערט געשריבן, און צווייטנס טאַקע כדי צוצוגעוואוינען די קינדער אַרויסצורעדן די ווערטער ריכטיק. ווייל אַ סך לערער אפילו האָבן אָנגעהויבן לעצטנס נאָכצוטאַנצן דאָס בוך און אַרויסצורעדן דאָס וואָרט פאנעטיש, ווי „אויף“. און טאַקע צוליב דעם, אַז אָט די לערער, פונקט אַזוי ווי די קינדער זאָלן די ווערטער אַרויסרעדן ריכטיק אויף זייער פּלאַץ איז אין ביכל אָנגענומען די פאַריינפאַכטע אָרטאָגראַפיע פון דעם וואָרט. נאָר אין דער פאָרלעצטער לעקציע ווערט שוין אָנגעוויזן, ווי דאָס וואָרט ווערט היינט צו טאָג געשריבן אין דער אמת'ן. און פון דאַן אָן און ווייטער קומט שוין די איינציקע פאָרם פון „אויף“ פאר די בײדע ווערטער: „אַף“ און „אוף“. דערביי קען דער לערער דערקלערן, אַז ווען אויף דעם וואָרט קומט אַן אַקצענט, ווערט עס אויסגעשפּראָכן ווי אוף (שטיי אויף), און ווען עס האָט אויף זיך קיין אַקצענט ניט, ווערט עס אויסגעשפּראָכן ווי אַף (אויף דעם טיש).

דאָס לערבוך האָט אין זינען קלענערע קינדער, אפילו פון 6—7 יאָר; דעריבער ווערט אין יעדער לעקציע געגעבן געוויינלאך נאָר איין נייער אות (זעלטן ווען צוויי). ווען די קינדער אָבער זיינען עלטער, קאָן מען זיי פון אָנהייב ווייזן מיט אַמאָל מער ווי איין אות, ד. ה. דורכגיין צוויי לעקציעס מיט אַמאָל, כדי שנעלער צוצוקומען צו דעם טייל, וואו עס הייבן זיך אָן די אינטערעסאַנטערע מעשה'לאך. מען דאַרף אָבער אלנפאלס רעקאָמענדירן די לערער וואָס אָפטער איבערצולייענען מיט די קינדער די דורכגעגאַנגענע לעקציעס. דאָס קאָן ביי א גוטן לערער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ געוועט־אַרבעט און מאַכן יעדעס מאָל די לעקציע פיל אינטערעסאַנטער. אָבער דער לערער דאַרף אין דערזעלבער צייט קאָנטראָלירן די קינדער, צי זיי לייענען באַוואוסטזיניק, צי אויף אויסווייניק.

אַז עס איז פאַראַן אַ באַדערפעניש אין אַ רעכט אידיש אָנפאַנגער לערבוך, איז זיכער. צי וועט אָבער אָט דאָס ביכל באַפרידיקן אָט די באַדערפעניש, וועט באַווייזן די אויפנאַמע, וואָס די לערער וועלן אים געבן. איך בין פאָרויס דאַנקבאַר יעדערן, וואָס וועט אָנווייזן סיי אויף די מעלות זיינע און סיי — באַזונדערס — אויף זיינע חסרונות, און איך וועל זען אין די ווייטערדיקע אויסגאַבן די חסרונות צו פאַרריכטן, אויב עס וועט מעגלאך זיין.

מיין אַדרעס, אויב ווער וועט וועלן צושיקן די באַמערקונגען גלייך צו מיר, איז: 143 איסט 103־טע גאַס, ניו־יאָרק, אין דער האַרלעמער אַרב.־רינג שול.

איך וויל דערביי איבערגעבן מיין טיפן דאַנק די ניו־יאָרקער אַרב.־רינג לערער און אויך קאָלעגע ל. לערער, פאר זייערע קאָמפּעטענטע אָנווייזונגען.

יעקב לעווין.

1

אַ אַ

די מאַמע זיצט בײַם װיגעלע.

די מאַמע װיגט סעמעלען.

די מאַמע זינגט: **אַ־אַ־אַ־אַ, אַ־אַ־אַ־אַ.**

אַ. אַ-אַ-אַ-אַ, אַ-אַ-אַ-אַ, אַ-אַ-אַ-אַ.

| | | | | | | | | C C C C C C C אַ



ש

ש פּערעלע קומט אַרײַן מיט אַ טומל.

די מאַמע זאָגט פּערעלען: ש!

פּערעלע פֿאָלגט ניט און טומלט װידער.

די מאַמע שרײַט אָן אַף פּערעלען: שאַ! שטיל!

פּערעלע װערט שטיל.

ש. ש! ש! שאַ! שאַ! ש! ש! שאַ!

c c c c c c c ɔ ɔ ɔ ɔ ɔ ɔ ɔ ש.

די מאַמע הײסט פּערעלען װיגן סעמעלען.

פּערעלע זעצט זיך בײַם װיגעלע.

די מאַמע טוט אָן אַ שאַל.

די מאַמע גײט אין קראָם קויפן עסן.

שאַל

פּערעלע װיגט סעמעלען.

ל ל

פּערעלע זינגט: לאַ־לאַ־לאַ, לאַ־
לאַ־לאַ, לאַ־לאַ, לאַ־לאַ.

פ. פאַ-פאַ, פאַ-פאַ-פאַ, פאַ-פאַ-פאַ,
פאַ-פאַ. שאַפ. אַ שאַפ. שאַפ, אַ שאַפ.

4





פאַפאַ קומט פון
שאַפ.
פאַפאַ ברענגט
עפּל.
אַן עפּל פאַר
פאַפאַ אַלײַן.



עפּל

ע ע

פאַפאַ

פ פ

אַן **עפּל** פאַר דער מאַמען.



אַן **ע פּ ל** פאַר פערעלען.

אַן **ע פּ ל** פאַר סעמעלען.

פּ. פּאַפּאַ. שאַפּ. אַן שאַפּ.

ע. עפּל. 1 עפּל 2 עפּל. 1 עפּעלע.

ר ר ר ר ר ר ר ש ש ש ש ש ש פּ.

((((((( )))))) ע.

5



שער

ר ר

פּאַפּאַ ברענגט **אַ שער.**

פּאַפּאַ ברענגט **אַ שערעלע.**

פּאַפּאַ דאַרף די **שער.**

פּערעלע דאַרף דאָס **שערעלע.**

פּערעלע דאַרף דאָס **שערעלע** פאַר דער שול.

דער **לערער** האָט געהייסן, **פּערעלע** זאָל ברענגען **אַ. שערעלע.**





ר. שער. אַ שער. אַ שערעלע.
לערער. אַ לערער. פּערעלע.
ר ר ר ר ר ר ר ר ר ר ר ר ר

טעפּעלע

ט

פּערעלע ברענגט אַ
טעפּעלע.
פּערעלע שטעלט דאָס
טעפּעלע אַפּן טיש.
דער טאַטע לײגט אַרײן די
עפּל אין טעפּעלע.

דער **טאַטע** זאָגט, **פּערעלע** זאָל גרייטן צום טיש.



פּערעלע ברענגט **טעלער.**

פּערעלע שטעלט די **טעלער** אַפן טיש.

פּערעלע שלעפּט די שטולן צום טיש.

דער **טאַטע שטעלט** די שטולן בײַם טיש.

ט. טעפּעלע. אַ טעפּעלע.

פּערעלע שטעלט אַ טעפּעלע.

פּערעלע שטעלט טעלער.

ל ל ל ל ל ל ל ל ט ט ט ט ט.





פערעלע נעמט פון דער
שאַפע אַ פלאַש.
פערעלע שעפט אָן
וואַסער.
פערעלע גיסט אַרײַן וואַ־
סער אין פלאַש.
פערעלע שטעלט די
פלאַש אַפן טיש.

פלאַש

פ פ

פערעלע נעמט פון דער שאַפע אַ
פלעשעלע מיט עסיק.
פערעלע נעמט פון דער שאַפע אַ
פלעשעלע מיט בוימל.
פערעלע שטעלט דאָס פלעשעלע
מיט עסיק און דאָס פלעשעלע מיט בוימל
אַפן טיש.
פערעלע נעמט פון דער שאַפע
לעפל.
פערעלע לייגט די לעפל אַפן טיש.
פערעלע לייגט אַ לעפל און אַ
לעפעלע ביי יעדן טעלער.

פ. פלאַש, אַ פלאַש. פלעשעלע, אַ
פלעשעלע. פערעלע שטעלט אַ פלאַש.
פערעלע שטעלט אַ פלעשעלע.
לעפל, אַ לעפל. לעפעלע, אַ לעפעלע.

סעמעלע

ס O

מאַמע

מ N

די מאַמע קומט
און סעמעלע.
סעמעלע איז
בײַ דער מאַמען אַף די
הענט.
די מאַמע זעצט
אַוועק סעמעלען אַף אַ שטול.
די מאַמע נעמט פֿון שאַפֿע מעסער
און גאָפּלען.

די מאַמע לייגט די מעסער און די גאָפּ־
לען אַפן טיש.
די מאַמע נעמט פון שאַפע אַ
מעסטעלע מיט זאַלץ און אַ מעסטעלע
מיט פעפער.
די מאַמע שטעלט עס אַפן טיש.
די מאַמע ברענגט אַף אַ טעלער אַ
סאַלאַט צום טיש.
אַלע זעצן זיך צום טיש.
ערשט זיצט פּאַפּאַ.
לעבן פּאַפּאַן זיצט סעמעלע.
לעבן סעמעלען זיצט פּערעלע.
לעבן פּערעלען זיצט די מאַמע.
סעמעלע נעמט אַ מעסער.
ער וויל נעמען סאַלאַט פון טעלער.
דאָס מעסער פאַלט אַראָפּ.
פּערעלע הייבט אוף דאָס מעסער.

דער טאַטע לייגט אַרײַן צו סעמעלען אין
טעלער סאַלאַט.

אַלע עסן: דער טאַטע עסט. די
מאַמע עסט. פֿערעלע עסט.
סעמעלע עסט.

מ. מאַמע. ס. סעמעלע.
מעסער, אַ מעסער. מעסטעלע, אַ
מעסטעלע פּעפּער. אַ טעלער סאַלאַט.
פּאַפּאַ עסט סאַלאַט. פּערעלע עסט
סאַלאַט. סעמעלע עסט סאַלאַט.

  





שיסל

די מאַמע ברענגט אַ

שיסל מיט זופ.

די מאַמע שטעלט די

שיסל מיט זופ אַפן טיש.

ף,

אַ טיפּע שיסל מיט

זופ.

די מאַמע גיט אויס די זופ פון

שיסל מיט אַ לעפל.

זי גיט פריער דעם טאַטן, שפּעטער
פּערעלען מיט סעמעלען.
אַלע עסן מיט אַפּעטיט.
סעמעלע עסט מיט אַ לעפעלע.
ער פאַרשמירט זיך דאָס געזיכט.
די מאַמע ווישט אָפּ סעמעלען דאָס געזיכט
מיט אַ סאַלפעט.

שיסל, אַ שיסל. אַ טיפע שיסל.
פּערעלע עסט מיט אַ לעפל.
סעמעלע עסט מיט אַ לעפעלע.
טיש, אַ טיש, אַ טישעלע. פיר לעפל,
פיר טעלער, פיר מעסער.




10

פלײש

די מאַמע ברענגט אַ
טעלער מיט פלײש.
די מאַמע שטעלט דעם
טעלער מיט פלײש אַפן
טיש.

ײ ײ

אַ טיפער טעלער
מיט פלײש.
די מאַמע טײלט אויס דאָס פלײש.

די **מאַמע** גיט דעם ערשטן **טײל** דעם
טאַטן, נאָכדעם **אַ טײל** פֿערעלען, נאָכדעם
אַ טײל סעמעלען.

אַלע עסן.

דער **טאַטע עסט** אָפּ דאָס **פֿלײש.**

ער נעמט **אַ מעסער.**

ער שײלט אָפּ אַן **עפּעלע פּאַר** סעמעלען:

דער **טאַטע שײלט** אויך אָפּ אַן **עפּל**
פּאַר פֿערעלען.

דעם טאַטן גיט די **מאַמע אַ טאַס טײ.**

!! . פלײש . אַ טעלער מיט פלײש.

אַ טיפער טעלער מיט פלײש.

טײל, אַ טײל. מאַמע טײלט פלײש

מיט אַ מעסער. פּאַפּאַ שײלט עפּל

מיט אַ מעסער.



עס ווערט שפעט.

דער פאָטער שטײט אוף פון טיש.

ער צינדט אָן אַ לאָמפ.

די לאָמפ הענגט אַראָפ פון סטעליע.

די מאַמע נעמט אַראָפ פון טיש.



לאָמפ

אָ אָ

די **מאַמע** נעמט **אַ ראָפּ** די **שיסל**, די **טעלער**, די **מעסער**, די **לעפל**, די **פלאַש** און **אַלע** אַנדערע זאַכן.

דער **טאַטע** נעמט אַ צײַטונג.

ער לייענט די צײַטונג.

פערעלע נעמט איר **שערעלע** און **פּאַפּיר**.

פערעלע שערט אויס פון **פּאַפּיר אַלער־לײ** זאַכן.

פערעלע שערט אויס **אַ טאָפּ**, **אַ פּאָר טעלער**, **אַ פּאָר לעפל** און **אַ מעסער**.

פערעלע שערט אויס **אַ טיר מיט אַ שלאָס**.

פאַר דעם **שלאָס שערט** זי אויס **אַ שליסל**.

פערעלע גיט סעמעלען דעם **טאָפּ מיט** די **טעלער**, די **טיר מיט** דעם **שליסל**.

סעמעלע שפּילט מיט דעם אַלעם.
ער שפּילט, ביז ער שלאָפֿט אײַן.
די מאַמע לײגט סעמעלען שלאָפֿן.

אָ. אָפּ. פּאַפּאַ עסט אָפּ.
פּערעלע עסט אָפּ. סעמעלע עסט אָפּ.
אַ טאָפּ. אַ שלאָס. פּערעלע
שערט אַ טאָפּ, אַ פּאָר טעלער, אַ
פּאָר לעפֿל, אַ שלאָס מיט אַ שליסל.

 





פערד

פערעלע שערט אויס פון
פאַפיר אַ פערד.
דאָס פערד איז אַ שיינס.
פערעלע שערט אויס פאַר
דעם פערד אַ וועגעלע מיט
פיר רעדער.
פערעלע שפּאַנט איין דאָס
פערדעלע.

ד ד

פּערעלע פירט דאָס פערדעלע
איבער דעם טיש.
פּערעלע דרייט און שלעפּט דאָס
פערדעלע.
דאָס פערדעלע פאַלט.
פּערעלע לאַכט.
דער פּאָטער שטייט אוף פון טיש.
ער נעמט אַ שאַרפשטיינדל.
ער שאַרפט דאָס מעסער.
ער וויל מאַכן מיט דעם שאַרפן מעסער אַ
דריידל.
דאָס דריידל איז פאַר סעמעלען צו
שפּילן.
די מאַמע איז אין שלאָפצימער.
דאָרט שלאָפט סעמעלע.



 

ד. דאָס פערד. דאָס דריידל.
דער. דער פאָטער. דער לעפל.
די. די מאַמע. די שיסל. די טיר.
פּערעלע שלעפּט דאָס פערדעלע.
דאָס פערדעלע פאַלט. דער טאַטע
שאַרפט דאָס מעסער.



נים

נ ן

עס קומט דער פעטער
ליפּע.
די מאַמע נעמט
פון שאַפע אַ טעלער מיט
נים.
די מאַמע שטעלט די נים צום טיש.
די מאַמע גיט צום טיש טיי מיט טאָרט.
דער טאַטע נעמט אַרויס די דאָמינאָס
פון אַלמער.

ער שטעלט די דאָמינאָס אַפֿן טיש.

ער שפּילט אין דאָמינאָס מיט פּעטער ליפּען.

דער פּעטער ליפּע טרינקט טיי, עסט טאָרט און שפּילט אין דאָמינאָס.

דער טאַטע שפּילט שײן און שנעל.

דער פּעטער ליפּע פֿאַרשפּילט.

נ. ניס. די ניס. די מאַמע נעמט ניס. דער פּעטער ליפּע נעמט ניס. ער עסט ניס. דער טאַטע נעמט די דאָמינאָס. דער פּעטער ליפּע שפּילט דאָמינאָס.







13



פּען

ן

פּערעלע נעמט אַ
פּ ע ן.
פּערעלע נעמט אַ
טינטער מיט טינט.
פּערעלע נעמט פּאַפּיר.
פּערעלע שרייבט.
פּערעלע נעמט אַ פּאָר ניס.
פּערעלע עסט די ניס און פירט מיט
דער פּ ע ן.

עס ווערט שפּעט.

פּערעלע גייט שלאָפֿן.

דער טאַטע און דער פּעטער ליפּע

שפּילן נאָך און רעדן ביז שפּעט.

ן. פּען. פּערעלע נעמט אַ פּען.

פּערעלע נעמט אַ טינטער מיט טינט.

דער טאַטע שפּילט דאָמינאָס מיטן

פּעטער ליפּען. דער טאַטע שפּילט

שוין - דער פּעטער ליפּע פֿאַרשפּילט.



14



די שול.

ר ר

פּערעלע שטײט אױף פּרי.
זי עסט אָפּ, טוט אָן דעם
מאַנטל און גײט אין שול.
פּיל שילער און שילערנס לערנען אין
דער שול.
די שילער לײענען דאָרט.
די שילער מאָלן דאָרט.
די שילער שפּילן דאָרט.

דער לערער לערנט די שילער לייענען.

דער לערער לערנט די שילער מאָלן.

דער לערער שמועסט מיט די שילער.

דער לערער פרעגט, די שילער ענטפערן.

דער לערער שפילט מיט די שילער.

אין שול שטייט אַ טיש און אַ שטול פאַרן לערער.

דאָרט שטייען שטולן מיט טישן אָדער בענקלאַך פאַר די שילער.





ו. שול. די שול. דאָרטן שטייט
אַ טיש מיט אַ שטול פאַרן לערער.
דאָרטן שטייען טישן מיט שטולן פאַר
די שילער.

דער לערער לערנט דאָרט די
שילער לייענען, מאָלן. דער לערער
שמועסט דאָרט מיט די שילער.



פערעלע לערנט

אָפּ.

זי פאַרזאַמט

ניט פיל אין שול.

זי לאָזט זיך

שנעל אַהײם.

פערעלע

איר זײדע

ז ז

אַפּן גאַס זעט זי — דער

זײדע אירער שטײט.

איר זיידנס נאָמען איז זאַלמען:
זיידע זאַלמען.
ער פֿעדלט מיט אַלערליי זייפֿן
און פּאַרפֿומען.
דער זיידע זאַלמען איז איר
טאַטנס פֿאָטער.
איר פֿאָטער איז זיידע זאַלמענס
אַ זון.
דער זיידע זאַלמען איז זייער
אַ שיינער איד.
פֿערעלע נעמט אָן זיידע זאַל-
מענען און פֿירט אים מיט איר
אַהיים.
דער זיידע זאַלמען לאָזט זיך
פֿירן.
די מאַמע דערזעט דעם זיידן.
זי דערפֿרייט זיך זייער.

זי שטעלט פֿאַרן זײדן טײ מיט זיסן זאַפֿט.

פֿערעלע גיט די מאַמע עסן זעמל מיט פּוטער.

די מאַמע שמועסט מיטן זײדן.

דער זײדע פֿאַרזאַמט ניט פֿיל.

ער מוז גײן.

ז. זײדע. פֿערעלעס זײדע.

א. איר זײדע איז אַ פֿעדלער.

ער פֿעדלט מיט אַלערלײ פֿאַרפּומען.

זײדע זאַלמען איז פֿערעלעס

טאַטנס פֿאָטער. איר פֿאָטער איז

זײדע זאַלמענס אַ זון. פֿערעלעס

זײדע איז זײער אַ שײנער איד.

פּערעלע און דאָס מײַזעלע.



מײַזעלע

די זון שײַנט.
עס איז זייער
שיין.

מויז

פּערעלע רײַסט
אַרויס אַ פּערטל
פּאַפּיר.
זי נעמט אַ טינטער מיט טינט.
מיט אַמאָל שפּירט זי — עס דרישט.
אַ דריי איז אַ זײַט, און זי זעט —
אַ מויז לויפט.
לאָזט פּערעלע איר פּאַפּיר מיט דער
פּען און לויפט אַרויס.
זי לויפט און שרײַט: „מאַמע!
אַ מויז!“
די מאַמע לויפט שנעל אַרײַן.

זעט זי — אַ מײַזעלע שטײט
אונטער אַ שטול.
די מאַמע טוט אַ שטויס די שטול
מיטן פוס.
דאָס מײַזעלע אַנטלויפט אונטער
דער שאַפע.

ז. מויז, אַ מויז, די מויז.

ײַ. מײַזעלע, אַ מײַזעלע. דאָס מײַזעלע

די זון שײַנט. עס איז זייער שיין,
פּערעלע רײַסט אַרויס אַ פּערטל
פּאַפּיר. זי נעמט אַ פּען. מיט אַמאָל
שפּירט זי — עס רוישט. אַ בר!! אוין
אַ זײַט, זעט זי — אַ מײַזעלע לויפט.
פּערעלע לאָזט דאָס פּאַפּיר, לויפט
אַרויס, שרײַט: „מאַמע, אַ מויז!"

אַ פאַרם.

פאַרם

זומער פאָרט פערעלעס

מאַמע אַף אַ פאַרם.

ם *ם*

זי נעמט מיט פערעלעז

מיט סעמעלעז.



די מאַמע פאָרט אַף דער

פאַרם מיט אַ שיף.

שיף

ף *ף*

פון דער שיף דאַרף

זי פאָרן אַף פערד.

אַף דער שיף פאָרט זי

דרײַ שטונדז.

אַף פֿערד פֿאָרט זי אײַן שטונדע.
די מאַמע נעמט ניט מיט אַף דער
פֿאַרם די טעפּ, טעלער אָדער לעפֿל.
אַז זי דאַרף אַ טאָפּ, טעלער אָדער
לעפֿל, נעמט זי דאָס אַף דער פֿאַרם.
דעם פֿאַרמערס פֿרױ לײַט איר דאָס.
פֿערעלע און סעמעלע שפּילן אַף
דער פֿאַרם זײער פֿיל און פֿײַן.
זײ עסן דערפֿאַר אַף דער פֿאַרם
מיט מער אַפּעטיט.
זומער איז אַף אַ פֿאַרם זײער
שײן.
עס איז דאָרט פֿיל שענער, אײדער
אין שטאָט.
זײער פֿיל מענשן פֿאָרן דערפֿאַר
אַרױס אַף זומער אַף אַ פֿאַרם.

ם. פאַרם. אַף אַ פאַרם.
ף. שיף. זומער פאָרט פערעלעס
מאַמע אַרויס אַף אַ פאַרם. זי פאָרט
אַף דער פאַרם מיט אַ שיף. פון דער
שיף דאַרף זי פאָרן אַף פערד.

די מאַמע נעמט מיט אַף דער
פאַרם פערעלען און סעמעלען. זיי
שפילן דאָרט זייער פיל און פײַן.
זיי עסן דערפאַר אַף דער פאַרם
מיט מער אַפעטיט.





18

דער שײנער האָן.





דער פאַרמער האָט אַ
פולן הויף מיט הינער
און מיט הענער.
די הינער און די
הענער לויפן אום און
פליען אום.
זײ שאַרן מיט די פיס אין מיסט.

האָן
ה
ה

אַז זײ זעען דאָרט עפּעס, שאַרן זײ
עס אַרױס און עסן.

אײנער פון די הענער איז שענער
פון אַלע אַנדערע אַף דעם הױף.

ער האָט שײנע רױטע פּעדערן.

ער פאַררײַסט אָפט זײַן האַלז און
שרײַט.

אַלע הינער שטעלן דעמאָלט אָן
מױל און אױערן און הערן.

דער האָן איז אַ העלד.

ער היט די הינער און לאָזט
זײ ניט אָנרירן.



ה. האָן. הון. הענער. הינער.

דער פֿאַרמער האָט אַ פֿולן
הויף מיט הינער און הענער. די
הינער און הענער לויפֿן אום און
פֿליִען אום.

ו האָן איז באַקאַנט שענער פֿון
אַלע אַנדערע. ער האָט שײנע רויטע
פֿעדערן. ער פֿאַררײַסט אָפֿט זײַן
האַלדז און שרײַט. דער האָן איז אַ
העלד. ער היט די הינער.




די קו און דאָס קעלבל.





קו

ק ק

דער פאַרמער האָט אַ קו.
די קו איז אַ רויטע.
זי האָט אַ רויטע פעל.
זי האָט שאַרפע הערנער.
פרעמדע מענטשן שטויסט אַמאָל די קו מיט אירע הערנער.

קאַלב

די קו עסט היי און שטרוי און קלייַען.

ב ב

די קו האָט אַ מאָרדע מיט אַ
ברייטער נאָז.
דער פּאַרמער טרייבט די קו
אַלע אין דער פרי אין פעלד.
די קו האָט אַ קאַלב, אַ קליין
קעלבעלע.
דאָס קעלבל איז אין שטאַל.
דאָס קעלבל קאָן ניט עסן קיין
שטרוי.
דער פּאַרמער לאָזט ניט דאָס
קעלבל זיין מיט זיין מאַמען.
די מאַמע, די קו, שטייט אַפן
הויף.
זי שטייט ביים שטאַל און
מוקעט:
מו־מו־מו! מו־מו־מו!
פאַרן טויער שטייט אַ קו,

שטייט און שרייט אַ רויטע קו.
עפנט, לאָזט מיך זיין אינאיינעם
מיט מיין קעלבעלע מיין קליינעם.
נאָר דער פּאַרמער לאָזט זי ניט.
און זי בלייבט שטיין אין דרויסן,
ביים שטאַל, אַפן הויף.

ק. קו. קי. ב. קאַלב, קעלבער.

ביים פּאַרמער איז פאַראַן אַ רויטע קו. די קו עסט היי, שטרוי און קלייען.

די קו האָט אַ קליין קעלבעלע.

דאָס קעלבעלע שטייט אין שטאַל. דער פּאַרמער לאָזט ניט דאָס קעלבעלע זיין מיט זיין מאַמען. די מאַמע, די קו, שטייט אויפן הויף, ביים שטאַל און מוקעט:

„מו-מו-מו! מו-מו-מו!"

די גענז.





בײַ דעם פאַרמער אַפן
הויף זײַנען פאַראַן גענז.
דאָס זײַנען דעם פאַר-
מערס גענז.
די גענז זײַנען אַלע
גרויע.
זײערע גופים, זײערע
פליגלען זײַנען גרוי.

גאַנז

ג ג

נאָר זייערע פיס זײַנען רויט.
די גענז זײַנען גרויסע פייגל.
זיי זײַנען פיל גרעסער פאַר די הינער.
די גענז עסן אַלערליי גרינסן, גערשטן און גראָז.
דער פאַרמער גיט עסן זײַנע גענז.
ענדע זומער זײַנען די גענז פעט.
די גענז גראַגערן.
דער „ער״-גאַנז הייסט גאָנער.
די גאָנערס זײַנען גרעסער און שענער פון די „זי״-גענז.
אַז דער גאָנער זעט אַ פרעמדן מענטש, שיפּעט ער און בײַסט.
די גענז לייגן אייער.

די אייער פון א גאנז זיינען גרויסע; פיל גרעסער פון הינערשע.

ג. גאַנז. גענז.

דער פֿאַרמער האָט פֿיל גענז.
דעם פֿאַרמערס גענז זייַנען אַלע
גרויס. די גענז זייַנען גרויסע פֿייגל.
דער „ער"-גאַנז, אָדער דער גאַנזער
איז גרעסער און שענער פֿון דער
„זי"-גאַנז. אַז דער גאַנזער דערזעט
אַ פֿרעמדן מענטשן, שיפּעט ער און בײַסט.





די קראָ און דער פוקס.

אַף אַ בוים אַ נאַר אַ קראָ
האַלט אַ שטיקל קעז אין מויל.
ערשט- שאַ, שטיל! אַ ג אַ ס ט איז דאָ!
פיקסל קומט אָן שטיל און פויל,
שמעקט, בלײַבט שטײן אַף הינטער־פיס,
און ער ז אָ ג ט ג אָ ר
האָניק־זיס:
„מײַן ליב קראָעלע, ז י נ ג
אַ לידעלע.
ז י נ ג ס ט אַ לידעלע — שפּילט אַ פידעלע.
ז י נ ג: טראַ־ראַ און טרײַ־רי־ראַ!“
שרײַט די קראָ אויס: קראַ־קראַ־קראַ!
פאַלט פון מויל דער קעז אַרויס.
און דער פוקס — האָם, האַם — און אויס!

 

21

דער וואָלף און דער בושל.



אַמאָל איז געווען אַ
וואָלף.
איז ער געווען זייער
הונגעריק.
האָט דער וואָלף
דערוואָרגן אַ שעפּעלע
און עס אויפגעגעסן.
איז ביי אים, בײַם עסן,

וואָלף

וו ״

געבליבן שטעקן אַ בייז אין האַלז.
האָט דער וואָלף גענומען שרייַען
און רופן:
„קומט, ראַטעוועט! נעמט אַרויס
דעם ביין פון האַלז.
„דער וואָס וועט אַרויסנעמען דעם
ביין, וועט באַקומען אַ גוטן לוין.“
איז געקומען דער בושל, אַ פויגל
מיט אַ לאַנגן שנאָבל.
דער בושל האָט אַרייַנגעשטעקט זייַן
שנאָבל דעם וואָלף אין האַלז אַרייַן
און אַרויסגעשלעפט דעם ביין.
דער וואָלף האָט פרייַ אָפּגעאָטעמט.
„גיב מיר מייַן לוין.“ — האָט דער
בושל געפאָדערט.
דער וואָלף האָט בייז אַ קוק
געטאָן אַף דעם בושל און געזאָגט:

„גײ געזונטערהײט אַהײם. עס איז
גענוג באַלוינונג פֿאַר דיר, וואָס דו
ביסט געווען בײַ מיר אין מויל און
אַרויס פֿון דאָרט מיט אַ קאָפּ.“

11. דער וואָלף און דער בושל.

אַ וואָלף האָט דערוואָרגן און אויפֿ-
געגעסן אַ שעפּעלע. איז בײַ אים
געבליבן שטעקן אַ בײן אין האַלדז,
האָט דער וואָלף אויסגערופֿן:
„ראַטעוועט! ווער עס וועט אַרויסנע-
מען דעם בײן, וועט באַקומען אַ לוין.“
איז געקומען אַ בושל. אַרײַנגע-
שטעקט זײַן שנאָבל דעם וואָלף אין
האַלדז און אַרויסגענומען דעם בײן.

די מאַמע.

אַפן גאַס איז געשטאַנען, אַ קלײן מײדעלע. דאָס מײדעלע האָט ג ע װ ײ נ ט און גערופן איר מאַמען.

— װ ע ר איז דײַן מאַמע? — האָט אַ מאַן געפרעגט דאָס מײדעלע.

— מײַן מאַמע? — האָט דאָס מײדעלע איבערגעפרעגט. — קענסטו דען ניט מײַן מאַמען? זי איז די, װאָס איז די בעסטע אַף דער װ ע ל ט.

22

דעם פאַרמערס אײזל.

אויער

דער פאַרמער
האָט אַן אײזל.
דער אײזל האָט
לאַנגע אויערן.



אײזל

דער אײזל איז אַ שטאַרקע באַשעפעניש.

ער העלפט דעם פּאַרמער אויפ-
אַקערן זײַן פעלד.
ווען דער פּאַרמער אַקערט אויף
זײַן פעלד און פּאַרזייט עס, וואַקסט
אַף דעם אויף קאָרן.
ווען דער קאָרן וואַקסט אויס,
נעמט עס דער פּאַרמער אַראָפּ.
דעמאָלט פירט דער אייזל די זעק
מיטן קאָרן אַפן מיל.
דער פּאַרמער האָט הינער.
די הינער לייגן אייער.
דער פּאַרמער לייגט אַרײַן די
אייער אין אַ קערבעלע.
דער אייזל פירט אָפּ די אייער
אין אַ שטעטל דערבײַ.
דאָרט פאַרקויפט דער פּאַרמער די
אייער.

אַזוי העלפט דער אײזל זײַן באַלעבאָס, דעם פאַרמער.

אײ. אײזל. אײ. אײער.

דער פאַרמער האָט אַן אײזל.

דער אײזל האָט לאַנגע אויערן.

דער אײזל העלפט דעם פאַרמער
אויפאַקערן זײַן פעלד. ווען עס
וואַקסט אויס קאָרן אויפן פעלד,
פירט דער אײזל די זעק מיט קאָרן
אויפן מיל. דער אײזל פירט אין שטאָט
די אײער, וואָס דעם פאַרמערס הינער לײגן.





די מוראַשקע און דאָס קערנדל.

אַ מוראַשקע האָט דערזען אַפן וועג אַ קערנדל.

זי האָט געוואָלט אופהײבן דאָס קערנדל און עס אַפטראָגן אַהײם.

אָבער דאָס קערנדל איז געוועז שווער, און זי האָט עס ניט געקאָנט טראָגן אַלײן.

איז די מוראַשקע אַוועק און איז באַלד געקומען ווי־דער מיט אירע דרײַ פרײַנד.

אַלע פיר אין אײנעם האָבן זײ גרינג אופגעהויבן דאָס קערנדל.

און זײ האָבן אַלע אין אײנעם אַפגעטראָגן דאָס קערנדל אַהײם, אין זײער בערגל.

ש פ ר י כ ו ו אָ ר ט : אין א ײ נ י ק ײַ ט ליגט קראַפט





דער בלינדער און דאָס ליכט



ליכט

כ כ

א.יינמאָל איז אַ בלינדער גענאַנגען ב יַי נ אַ כ.ט אין גאַס.

און האַנט האָט דער בלינדער געהאַלטן אַ לאַמטערנע, און אין דער לאַמטערנע האָט געברענט אַ ל י כ ט.

באַגעגנט אים אַ מאַן.

פרעגט ער אים:
— מײַן טײַערער! אַף וואָס דאַרפסטו די לאַמטערנע? זעסטו דען דאָס ליכט?
— נײַן, — האָט געענטפערט דער בלינדער, — אָבער אַנדערע מענשן וועלן זען דאָס ליכט. און די מענשן, וואָס וועלן גײַן נאָענט לעבן מיר, וועלן מיר העלפן און ניט לאָזן אַרײַנפאַלן אין אַ גרוב.

כ. דער בלינדער און דאָס ליכט.

אַ בלינדער איז געגאַנגען בײַנאַכט אין גאַס און געטראָגן אַ לאַמטערנע. אין לאַמטערנע האָט געברענט אַ ליכט.

אַ מאַן האָט אים באַגעגנט און געפרעגט: „אַף וואָס דאַרפסטו די לאַמ-טערנע? זעסטו דען דאָס ליכט?"

פון קאָפּ אַרויס.

— פאַרוואָס ביסטו נ ע כ ט ן ניט געקומען אין שול? — האָט דער לערער געפרעגט סעמין.

— עס האָט מיר וויי געטאָן דער קאָפּ. — האָט סעמי געענטפערט.

— אָבער די קינדער האָבן געזען, ווי דו ביסט נ ע כ ט ן פאַר מיטאָג אומגעפאָרן רײַטנדיק אױף אַ שטעקן.

— עס איז מיר דעמאָלט גאָר פון קאָפּ אַרויס, אַז דער קאָפּ טוט מיר וויי.

אַ שנײעלע.

אַ שנײעלע פליט,
אַ שנײעלע פאַלט,
די שנײען פאַרדעקן דאָס פעלד און דעם וואַלד!

דאָס טײַכעלע פרירט,
דאָס טײַכעלע שטײט —
דאָס קלאָרינקע טײַכל מיט שנײען פאַרווײט!

דאָס שטיבעלע ווײַס,
די פענסטער מיט אײַז,
בײַם שטיבל, אין גערטל, אַ ראָב זוכט זיך שפּײַז!



וועמען זאָל געהערן דאָס בוך?



בוך

ך ך

2 מענשן זײַנען געגאַנגען אין גאַס.

זיי האָבן געפונען אַ בוך און אָנגעהויבן שפּאַרן זיך, וועמען פון זיי זאָל דאָס בוך געהערן.

גייט פאַרבײַ נאָך אַ מאַן, זעט ער — זיי קריגן זיך.

פרעגט ער זיי: „ווער פון אײַך קאָן לייענען?“

— קיינער ניט.

— הײַנט אַף וואָס דאַרפט איר דאָס בוך, אויב איר קאָנט עס ניט לייענען? הערט אויף קריגן זיך און גיט בעסער דאָס בוך מיר.

ק. פֿאַר וועמען דאָס בוך?

2 מענשן האָבן געפֿונען אַ בוך.
האָבן זיי זיך גענומען שפּאַרן, וועמען
זאָל דאָס בוך געהערן.
גייט איינער פֿאַרבײַ. פֿרעגט ער
זיי: „ווער פֿון אײַך קען לייענען?"
— קיינער פֿון אונדז.
„אויב אַזוי, גיט בעסער דאָס בוך מיר."

ליבע פאר ליבע.

אַ פאַטער האָט אַמאָל געפרעגט זײַן קלײנעם זון:
— פאַרוואָס האָבן ד י ך אַלע אַזוי ליב?
— א י ך ווײס ניט, — האָט דער אינגל געענט־פערט, — עס קאָן זײַן דערפאַר, וואָס א י ך האָב אַלע־מען ליב.

וואָלף, בער און פוקס.

אַ וואָלף און אַ בער האָבן געקראָגן אַ שטיק פלייש. האָבן זיי זיך אָנגעהויבן רײַסן פאַר דעם פלייש. דער בער האָט עס געוואָלט נעמען זיך, און דער וואָלף האָט עס ניט געוואָלט אָפּלאָזן.

לויפט פאַרביי אַ פוקס. זעט ער — דער בער און דער וואָלף רײַסן זיך. כאַפּט ער דאָס פלייש און אַנטלויפט.

שפּריכוואָרט: פון קריגן זיך קומט קיין גוטס ניט אַרויס.

דאָס מיידעלע און דאָס פייגעלע.

מיידעלע:

— זאָג, פאַרוואָס דו פליסט אַוועק,
פייגעלע דו קליין,
לאָזסט זיך אין אַ ווייטן וועג
און פאַרלאָזסט דײַן היים?

פייגעלע:

— ווײַל עס קומט דער ווינטער אָן
מיט די פרעסט און קעלט,
קען איך דאָ קיין זאַך ניט טאָן,
פלי איך אין דער וועלט!

די שפּיל אין בלענדעניש.

די קינדער האָבן באַשלאָסן שפּילן אין בלענדעניש.
זיי האָבן זיך געשטעלט אין אַ קרייז.
מען האָט פאַרבונדן די אויגן איינעם פון די קינדער — ראָבין.

ער האָט זיך געשטעלט אין מיטן קרייז.

עטל, וואָס האָט אויך געשפּילט, איז אַריין אין קרייז און האָט געפרעגט „די בלינדע קו“, דאָס הייסט ראָבין:

— אַף וואָס שטייסטו?

ראָבי האָט געענטפערט:

— אַף אַ פּאָס.

— וואָס טרינקסטו?

— עפּל־קוואַס.
— וואָס עסטו ?
— אַ בייגל .
— טאָ כאַפּ אַ פויגל.
אַלע קינדער האָבן ז י ך פאַנאַנדערגעלאָפן.
זיי האָבן אויסגעמיטן „די בלינדע קו“.
ראָבי איז אומגעגאַנגען מיט אויסגעשפּרייטע הענט.
ער האָט געטאַפּט און געזוכט, ביז ער האָט איינעם געכאַפּט.
דער געכאַפּטער איז דעמאָלט געוואָרן די בלינדע קו.

שפּילט איר א ו י ך, קינדער, אין בלענדעניש ?

דער שטומער.

אַ שטומער איז געזעסן ביים וועג און האָט געבעטלט. איינער איז פאַרביי‏געגאַנגען און אים געפרעגט :
— וואָס פעלט דיר ?
— אַ ך, — האָט געענטפערט דער בעטלער, — א י ך קען ניט רעדן.

25

צוויי ציגן.





צוויי ציגן האָבן זיך אַמאָל באַגעגנט אַף אַ שמאָל ברעטל.

ציג

צ

דאָס ברעטל איז געלעגן איבער אַ טײַכל.

בײדע ציגן אַף אַמאָל אַריבערגײַן דאָס בריקל איז געווען ניט מעגלאַך.

אײנע פון זיי האָט זיך געמוזט

אומקערן און לאָז דער צוויטער דעם וועג.

— גיי צוריק און לאָז מיך אַריבערגיין! — שרייט איין ציג.

— ווי פֿאַלט עס דיר איין? — שרייט די צווייטע. — קער זיך דו אום צוריק.

— איך בין דאָך עלטער פֿון דיר.

— אָבער איך בין פֿריער פֿאַר דיר אַרויף אַף דעם ברעט!

די ציגן האָבן זיך ביידע לאַנג געקריגט, און קיינע פֿון זיי האָט ניט געוואָלט נאָכגעבן דער צווייטער.

ענדלאַך זיינען ביידע שטאַרק בייז געוואָרן איינע אַף דער אַנדערער, און זיי האָבן זיך גענומען שלאָגן און שטויסן מיט די הערנער.

זיי האָבן זיך געשלאָגן און געשטויסן אַזוי לאַנג, ביז ביידע זײַנען אַרײַנ-געפאַלן אין טײַך אַרײַן.

2. צוויי ציגעלעך.

צוויי ציגעלעך האָבן זיך באַגעגנט אויף אַ שמאָלן ברעטל איבער אַ טײַכל.

ביידן אויף אַמאָל איבערגיין דאָס טײַ-כל איז געווען ניט מעגלעך. איינע פֿון זיי האָט זיך געמוזט אומקערן. אָבער ווער? קיינע פֿון זיי האָט ניט געוואָלט נאָכגעבן.

האָבן זיי זיך אָנגעהויבן קריגן און שטויסן, ביז זיי זײַנען ביידע אַרײַנ-געפאַלן אין טײַך אַרײַן.

גוט מאָרגן!

עס שלאָפֿט די זון א ג אַ נ צ ע נאַכט.
באַגינען שטייט זי אוף און לאַכט.
איך רײַב זיך אויך די אייגלאַך אויס
און שרײַ נאָך פֿון מײַן בעט אַרויס:
גוט מאָרגן, גוט מאָרגן!

די פּיס זײַנען צו גרויס.

איינער האָט באַשטעלט בײַ אַ שוסטער אַ פּאָר נײַע שיך.

דער שוסטער האָט אופגענייט די שיך און גע־בראַכט צ ו ם מאַן.

דער מאַן האָט אָנגעמאָסטן די שיך — ערשט זיי זײַנען צ ו קליין.

זאָגט ער:

— די שיך זײַנען ניט אַף מײַן מאָס. זיי זײַנען צ ו קליין.

— אָ, ניין! — האָט געענטפערט דער שוסטער. — די שיך זײַנען ניט קליין, דאָס זײַנען נאָר אײַערע פּיס צ ו גרויס.

דאָס קינד און די פּעני.

אַ קינד איז געשטאַנען און געוויינט. קומט אָן אַ מאַן.

— וואָס וויינסטו, אינגעלע? — פרעגט דער מאַן.

— איך האָב פאַרלאָרן אַ פּעני. — ענטפערט דאָס קינד.

— נאַ דיר אַן אַנדער פּעני. — זאָגט דער מאַן.

דאָס קינד נעמט די פּעני און הייבט ווידער אָן צו וויינען.

— וואָס וויינסטו א י צ ט? — פרעגט דער מאַן.

— ווען איך וואָלט ניט פאַרלאָרן מיין פּעני, — זאָגט דאָס קינד, — וואָלט איך דאָך א י צ ט געהאַט צוויי.

דער פראָסט.

אָ נ ג ע פּ ע ל צ ט אין ווייסן,
גייט דער פראָסט אין גאַס.
טרעפט ער אָן אַ אינגל,
מאַכט ער פון אים שפּאַס.

כאַפּט אים פאַר אַן אויער,
שטעכט עס דורך דער הויט.
גלעט אים אָפּן בעקל,
פלאַמט דאָס בעקל רויט.

דאָס קינד און דאָס קיכל.

אַ אינגל איז געגאַנגען אין שול.

אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ בוך, אין דער אַנדערער — אַ קיכל.

אַפן וועג האָט אים באַגעגנט אַ הונט און אַרויסגע־כאַפּט ביי אים פון האַנט דאָס קיכל.

דער אינגל האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס בוך אַף דער ערד און האָט בייז אויסגעשריען:

— שלעכטער הונט, וואָס דו ביסט! דו האָסט ביי מיר צוגעכאַפּט דאָס קיכל; טאָ נאַ דיר אויך דאָס בוך און גיי אין שול לערנען.

אַ קלוגער דינער.

אַ מאַן איז פאַרפאָרן אין אַ האָטעל. אין אָוונט רופט ער צו זיך דעם דינער און זאָגט צו אים:

— איך דאַרף מאָרגן אָפּפאָרן זיבן אַ זייגער אין דער פרי. זאָלסטו מיך ניט פאַרגעסן אופוועקן.

— זייער גוט. — האָט דער דינער געענטפערט. — אַ פּאָר מינוט פריער, פאַר זעקס, וועט איר אַזוי גוט זיין און אָנקלינגען מיר, וועל איך באַלד קומען און וועל אייך אופוועקן.

דער פוקס און דער לײב.



אַ פוקס, וואָס האָט צום ערשטן מאָל
דעם לײב אין וועג געטראָפן,
איז פון גרויס שרעק
אַ לעבעדיקער קוים אַנטלאָפן.
דאָס צווײטע מאָל ווען ער האָט אים דערזען,
איז דרײסטער שוין דער פוקס געווען.
צום דריטן מאָל איז ער אַזוי געוואָרן דרײסט,
אַז ער האָט מיט דעם לײב
פאַרפירט שוין אַ געשפּרעך.

סעמי איז געגאַנגען
און געצײלט די שטערן.
פּלוצים — האָפּ! — געפאַלן
און צעקלאַפּט דעם שטערן!

די קאַץ און דער אָדלער.



קאַץ

ץ ץ

אַ קאַץ מיט אירע קליינע
קעצעלאַך האָבן זיך געשפּילט
אַף אַ הויף.
פּלוצלונג האָט זיך פון
ערגעץ גאַנץ הויך
אַראָפּגעלאָזט אַן אָדלער.
דער אָדלער האָט געכאַפּט

איינס פון די קעצעלאַך און
זיך געוואָלט אופהייבן מיט
אים.

די קאַץ האָט עס גלייך באַמערקט.
זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַף דעם
אָדלער און גענומען קעמפן מיט אים.
דער אָדלער האָט אָפּגעלאָזט דאָס

קעצעלע און גענומען שלאָגן די קאַץ מיט זײַן שאַרפֿן שנאָבל און דראַפּען זי מיט זײַנע שאַרפֿע נעגל.

אָבער די קאַץ האָט אויך ניט געשוויגן. זי האָט אים אָנגעכאַפּט פֿאַר א פֿליגל און אָפּגעביסן אים דעם פֿליגל.

נאָכדעם האָט זי אים אָנגענומען פֿאַרן האַלז און איבערגעביסן אים.

ווען דער אָדלער איז געווען טויט, האָט די קאַץ גענומען אַרומלעקן איר קעצעלע, וואָס האָט פֿאַרזוכט די נעגל פֿון דעם אָדלער.



ל. די קאַץ און דער אָדלער.

אַ קאַץ מיט קעצעלאַך האָבן זיך געשפּילט אַף אַ הויף. פּלוצלונג האָט זיך פון ערגעץ אַראָפּגעלאָזט אַן אָדלער. ער האָט געכאַפּט אַ קעצעלע. די קאַץ האָט עס גלײַך באַמערקט און גענומען קעמפן מיט דעם אָדלער. זי האָט אים אָפּגעביסן אַ פליגל און צעביסן דעם האַלז.

דער ערשטער שניי...

אַף די פעלדער איז עמיץ
אַ ווײַסער געפלויגן;
ער האָט אַלע טײַכלאַך
מיט זילבער באַצויגן.
ער האָט אַף די לאָנקעס
זײַן מאַנטל פאַרלאָרן...
גאַנץ וועלט איז פון דעמאָלט
אַ ווײַסע געוואָרן.

דער הונט און זײַן שאָטן.



אַ הונט האָט ע ר ג ע ץ געכאַפּט אַ שטיק פלײש. ער האָט דאָס פלײש געטראָגן אין מויל.

דער הונט איז צוגעגאַנגען צו אַ טײַכל. איבער דעם טײַכל איז געלעגן אַ ברעטל.

דער הונט איז אַרויף אַף דעם ברעטל. ער האָט געוואָלט אַריבער דאָס טײַכל.

פון ברעטל האָט דער הונט אַ קוק געטאָן אין וואַסער. דאָס וואַסער איז געווען רײן און קלאָר.

ער האָט דאָרטן דערזען אַ צווײטן הונט, און דער צווײטער הונט האָט אויך געהאַט אין מויל אַ שטיק פלײש.

אונזער הונט האָט געוואָלט קריגן אויך דעם צווײטן שטיק פלײש.

האָט ער געעפֿנט זײַן מויל צו כאַפּן דעם צװײטן שטיק פֿלײש.

גלײַך איז זײַן אײגענער שטיק פֿלײש אַרײַנגעפֿאַלן אין װאַסער.

און דער הונט איז געבליבן מיט גאָרנישט.

ש פּ ר י כ װ אָ ר ט: װילסט האָבן צופֿיל, װעסטו גאָר־ניט האָבן.

דאָס מײַזעלע און דאָס אינגעלע.

דאָס מײַזעלע: ר ע ־ ר ע ־ ר ע ־ ר ע.

דאָס אינגעלע: װער איז דאָ?

דאָס מײַזעלע: אַ מײַזעלע אַ קלײנע;
ר ע ־ ר ע ־ ר ע ־ ר ע.
עפֿן, קינד,
די אײגעלאַך די שײנע.

דאָס אינגעלע: נײן, איך װיל נישט
אופֿשטײן איצט,
איך ליג נאָך און איך דרימל.
די זון האָט דאָך
גאָר ניט נאָך
באַװיזן זיך אין הימל.

רעטענישן.

וואָס איז העכער פֿאַר אַ הויז,
און וואָס איז פֿלינקער פֿאַר אַ מויז?
— דער רויך איז העכער פֿאַר אַ הויז,
אַ ק אַ ץ איז פֿלינקער פֿאַר אַ מויז.

וואָס איז טיפֿער פֿאַר אַ קוואַל,
און וואָס איז ביטערער ווי גאַל?
— דאָס לערנען איז טיפֿער פֿאַר אַ קוואַל,
דער טויט איז ביטערער ווי גאַל.

וואָס פֿאַר אַ וואַסער איז אָן אַ זאַמד,
און וואָס פֿאַר אַ קעניג איז אָן אַ לאַנד?
— דאָס וואַסער פֿון אויג איז אָן אַ זאַמד,
דער קעניג פֿון קאָרטן איז אָן אַ לאַנד!

וואָסער מילנער איז אָן אַ מיל,
און וואָסער לעפֿל איז אָן אַ שטיל?
— אַן אָפּגעברענטער מילנער איז אָן אַ מיל,
אַן אָפּגעבראָכענער לעפֿל איז אָן אַ שטיל.

27

יאַגד, יאַגעדע. יאָר, יאָגן.

יעדער, יעגער. יונג, ייִד.

דער דרײַסטער יעגער.

אַ יעגער איז אַמאָל געזעסן מיט זײַנע פֿרײַנד.

יעדער אײנער פֿון די יעגער האָט דערצײלט עפּעס װעגן זײַן אײגענער דרײַסטקײַט.

יעגער האָט אונזער יעגער דערצײלט אױך װעגן זײַן דרײַסטקײַט. ער האָט דערצײלט אַזוי:

„אײנמאָל בין איך געגאַנגען אײנער אַלײן אין װעג בײַנאַכט. פּלוצלונג דערזע איך, אַ גרויסע שװאַרצע באַשעפֿעניש ליגט אויסגעצויגן אַף דער ערד בײַם װעג.

„איך גײ צו נעענטער, דערזע איך — עס איז אַ בער.

„איך האָב זיך אָבער ניט דערשראָקן פֿאַר אים.

„איך האָב אַרויסגענומען מײַן יאַגד־מעסער, אָפּגעהאַקט בײַ אים אַ פֿוס און בין אַװעק װײַטער.

—נאַר דו אײנער! — האָט זיך אָפּגערופֿן אײנער

פון די צוהערער. — פאַרוואָס האָסטו שוין בעסער ניט אָפּגעשניטן דעם קאָפּ בײַם בער?

— איך האָב אויך צוערשט געוואָלט אַזוי טאָן, — האָט דער יעגער געענטפערט, — אָבער איך האָב געפונען דעם בער שוין אָן אַ קאָפּ.

דרײַסטקײַט.

אײנמאָל האָבן צוויי אינגלאַך געקליבן יאַגע-דעס אױף אַ באַרג.

פּלוצלונג האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַן אָדלער. ער האָט געכאַפּט אײנעם פון די אינגלאַך אין זײַנע נעגל און אופגעהויבן זיך אין דער הייך.

נאָר דאָס אינגעלע איז ניט צעטומלט געוואָרן. ער האָט אַרומגעכאַפּט מיט זײַנע הענטלאַך דעם אָדלערס האַלז און גענומען ווערגן אים מיט אַלע קרעפטן.

דער אָדלער איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן און איז צו-זאַמען מיט דעם אינגעלע אַראָפּגעפאַלן אױף דער ערד.

דאָ איז געקומען צו הילף דער צווייטער אינגל. ער האָט גלײַך אַרופגעוואָרפן זײַן רעקל אױף דעם אָדלער. דערנאָך האָט ער מיט אַ פּאַס צונױפגעבונדן זײַנע פליג-לען.

אין אַ װײַלע אַרום זײַנען די דרײַסטע קינדער שוין געגאַנגען אַהײם און געטראָגן מיט זיך דעם געבונדענעם, געפאַנגענעם פױגל.

דער יעגער.

יאַנקעלע וויל אַ יעגער זײַן.
יאַנקעלע וויל אין וואַלד אַרײַן,
שיסן וויל ער נאָר אַ בער.
דאַרף מען דאָך געווער.

אונזער יאַנקעלע דערזעט:
אין ווינקעלע אַ בעזים שטייט.
מיטן בעזים וועט ער יאָגן
און אַ גרויסן בער דערשלאָגן!

ער קאָן אין שטוב שוין מער נישט בלײַבן;
וויל דעם בעזים אונטערהייבן.
שווערער בעזים קערט זיך איבער,
און דער יעגער פאַלט אַריבער.

נישט קײן בער און נישט קײן האָז,
און צעשלאָגן זיך די נאָז!
ער וויל שוין ניט אין וואַלד אַרײַן,
ער וויל שוין ניט קײן יעגער זײַן!



דער יעגער און די פֿײגל.

אַ י ע ג ע ר האָט אױסגעשטעלט אַ נעץ בײַם טײַך. אין נעץ האָבן זיך פֿאַרפּלאָנטערט פֿײגל.

די פֿײגל זײַנען געװען גרױסע. זײ האָבן אױפֿגע־הױבן די נעץ און זײַנען אַװעקגעפֿלױגן. דער י ע ג ע ר האָט דאָס באַמערקט און זיך געלאָזט לױפֿן נאָך די פֿײגל.

באַגעגנט דעם י ע ג ע ר אַ מאַן און פֿרעגט:

— װאָס לױפֿסטו? װעסטו דען לױפֿנדיק צופֿוס אָ נ י אָ ג ן די פֿײגל?

ענטפֿערט דער י ע ג ע ר:

װען זײ װאָלטן אַלע געפֿלױגן אין אײן זײַט, װאָלט איך זײ ניט געקאָנט אָ נ י אָ ג ן; אָבער זײ װעלן פֿליען אין פֿאַרשײדענע זײַטן.

און אַזױ איז טאַקע געװען. װען עס איז געװאָרן טונקל, האָבן די פֿײגל גענומען פֿליען צו זיך אין די נעסטן שלאָפֿן. י ע ד ע ר פֿױגל איז געפֿלױגן אין אַן אַנדער זײַט: אײנער אין װאַלד, אַ צװײטער צום זומפּ, אַ דריטער אין פֿעלד. און זײ זײַנען אַלע אַראָפּגעפֿאַלן מיט דער נעץ אַף דער ערד.

דער י ע ג ע ר איז צוגעלאָפֿן און זײ צוגענומען.

ש פּ ר י כ װ אָ ר ט: צוזאַמען שטאַרק, באַזונדער שװאַך.

אַ בער אַ וואַסערטרעגער.

אַפן אַקסל מיט צוויי קאַנען
טוט אַ בער צום ברונען שפּאַנען.
שיין די קענדלאַך אָן אַן עק,
נאָר זיי האָבן ניט קיין דעק.
שעפּט דער בער אַ טאָג — אַ יאָר —
גרינג די קענדלאַך ווי אַ האָר.
ווערט ער בייז און הייבט אָן ברומען:
טפו! דאָס וואַסער הינגעקומען!
ניט געבליבן איז אַ לעק!
און ער שפּייט און גייט אַוועק.

זש – זשאַבע. זשאַלעווע. זשיראַף.

די זשאַבע און די קאַץ.

עס איז געווען אַ וואַרימער זומער־טאָג. אַ גרינע ז ש אַ ב ע איז געזעסן בײַם וואַסער.

זשאַבע

איז געגאַנגען פאַרבײַ אַ קאַץ און האָט דערזען די ז ש אַ ב ע. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס די קאַץ האָט געזען אַ ז ש אַ ב ע.

קלערט די קאַץ: „וואָס קאָן דאָס זײַן פאַר אַ זאַך? קען מען דאָס עסן? איך וועל עס כאַפּן און זען, צי מען קען דאָס עסן“.

די ז ש אַ ב ע האָט דערזען, אַז די קאַץ קומט אָן, האָט זי גענומען שפּרינגען צום וואַסער.

די ז ש אַ ב ע שפּרינגט, און די קאַץ — נאָך איר. ביז זיי זײַנען צוגעקומען צום טײַך.

די ז ש אַ ב ע האָט אַ שפּרונג געטאָן און — אין טײַך! און די קאַץ — נאָך איר.

די קאַץ איז קוים אַרויס פון וואַסער אַ לעבעדיקע.
פון דעמאָלט אָן האַסט די קאַץ די ז ש אַ ב ע ס.

די אינגלאַך און די זשאַבעס.

איינמאָל האָבן צוויי אינגלאַך זיך געשפּילט בײַ אַ טײַכל. זיי האָבן געוואָרפן שטיינדלאַך אין וואַסער.

אין טײַכל האָבן געלעבט ז ש אַ ב ע ס.

יעדעס מאָל, ווען אַ זשאַבע פלעגט אַרויסשטעקן איר קאָפּ, האָבן די אינגלאַך געוואָרפן אַף איר שטיינער.

ענדלאַך האָט אָן אַלטע ז ש אַ ב ע אַרויסגעשטעקט איר קאָפּ פון וואַסער און געזאָגט:

— אינגעלאַך, וואַרפט ניט מער קיין שטיינער, הערט אוף. איר טרעפט אונז, און עס טוט אונז וויי.

— אָבער מיר שפּילן זיך דאָך. — האָבן די אינגלאַך געענטפערט.

— יאָ, — האָט די ז ש אַ ב ע געזאָגט, — אָבער אונז טוט דאָס וויי. פאַר אײַך איז דאָס אַ שפּיל, אָבער פאַר אונז איז דאָס גאָר ניט קיין שפּיל.

29

טש — טשערעדע, טשײַניק.

דער ליגנער בײַ דער טשערעדע.

מיכל האָט געפּיטערט זײַן טשערעדע שאָף בײַם װאַלד, ניט װײַט פֿון דאָרף.

אײנמאָל האָט זיך מיכלען פֿאַרגלוסט אויסצולאַכן אַ ביסל פֿון די דאָרפֿסלײַט. האָט ער אָנגעהויבן צו שרײַען:

— אַ װאָלף! אַ װאָלף! ראַטעװעט!

זײַנען זיך צונויפֿגעלאָפֿן די דאָרפֿסלײַט מיט שטעקנס און מיט העק, נאָר זײ האָבן קײן װאָלף ניט געטראָפֿן.

האָבן די דאָרפֿסלײַט פֿאַרשטאַנען, אַז מיכל האָט זײ אויסגענאַרט. זײַנען זײ בײזע צוריק אין דאָרף געגאַנגען, יעדערער צו זײַן אַרבעט.

אַף מאָרגן איז אַרויס פון וואַלד אַ וואָלף און איז געַ־
גאַנגען גלײַך צו דער ט ש ע ר ע ד ע.

מיכל האָט אים דערזען פון דערווײַטן און געמאַכט
אַ גוואַלט: „גיכער, ראַטעוועט! אַ וואָלף!“

נאָר די דאָרפסלײַט האָבן געמיינט, אַז ער מאַכט
ווידער פון זיי שפּאַס, און קיינער פון זיי איז אים צו הילף
ניט געקומען.

האָט זיך דער וואָלף אַרײַנגעריסן אין ט ש ע ר ע־
ד ע און דערוואָרגן דרײַ שעפּסעלאַך.

דער ווינטער.

וואַרפט דער הימל פעדערן,
ווײַס און ווייך, פאַר יעדערן;
שרײַט די גרויסע שוואַרצע קראָ:
„קראָ־קראָ־קראָ!“

אינגעלאַך צעהיצן זיך,
כאַפּן גליטשערס, גליטשן זיך.
גליטשן קלאָרע, ווי די שפּיגלען;
עס פליען אינגלאַך, ווי אַף פליגלען.

פרירט איך, נעזער, אויערן!
זאָל דער פראָסט נאָר דויערן!
עס בליען בעקלאַך, ווי די בלומען.
גוט! דער ווינטער איז געקומען!

די קלעזמער.

מיט דעם ס מ י ט ש י ק אַפֿן באַס
שפּילט אַ בער אין מיטן גאַס:
בו, בו, בו! בו, בו, בו!

פֿויקט אַ העלפֿאַנד — טרעפֿט מיט וואָס?
און אַ פּײַקל מיט דער נאָז:
בים, בים, באָם! בים, בים, באָם!

מיט די טאַצן קלינגט אַ קאַץ,
פֿריילאַך רײַבט זי טאַץ אָן טאַץ:
טשים, טשים, טשאָם! טשים, טשים, טשאָם!

אויף אַ פֿײַפֿל שפּילט אַ גריל,

זאָל גייַן טאַנצן ווער עס וויל!

צריל, צריל, צריל! צריל, צריל, צריל!

שטאַרקע ליבע.

אַ אינגל איז געגאַנגען איבער דער גאַס. ער האָט זיך אויסגעגליטשט און איז געפֿאַלן.

פלוצלונג איז אָנגעפֿאָרן אַ וואָגן, האָט איבערגעפֿאָרן דעם אינגל און צעבראָכן אים אַ פֿוס.

מען האָט גענומען דעם אומגליקלאַכן אינגל און אַוועקגעטראָגן צו אים אַהיים. ער האָט געוויינט און געשריען.

זיין מאַמע איז דעמאָלט געלעגן קראַנק. ווען זי האָט דערהערט דאָס געשריי פֿון איר קינד, איז זי אַראָפּגעלאָפֿן פֿון בעט. זי האָט אָבער ניט געקאָנט גייַן און איז געפֿאַלן אין אָנמאַכט.

דער אינגל האָט גלייך אופגעהערט צו שרייַען. און די גאַנצע צייט, וואָס מען האָט אים באַנדאַזשירט זיין פֿוס, האָט ער קיין קרעכץ ניט געטאָן.

— ניט שוין טוט דיר גאָרניט וויי? — האָט אים דער דאָקטער געפֿרעגט.

— עס טוט מיר גראָד שטאַרק וויי, — האָט דער אינגל שטיל געענטפֿערט, — נאָר איך וויל ניט שרייַען, די מאַמע זאָל ניט דערהערן. דאָס וואָלט איר פֿאַרשאַפֿט גרויס שמערצן.

30

וואָ, וואָנדער. וואָיל, וואָינעז.

דער בײַל.

אַ אינגל איז געקומען אַהײם. אױף דעם שטערן איז בײַ אים געװען אַ גרױסער בײַל.

— װאָס איז בײַ דיר אױפֿן שטערן? — האָט אים זײַן מאַמע געפֿרעגט.

— גאָרנישט.

— װי הײסט, גאָרנישט? עס איז דאָך אַ גרױסער בײַל. פֿון װאַנען איז דאָס בײַ דיר?

— איך האָב אומגערן אַ ביס געטאָן מיט די צײנער.

— דו האָסט מיט דײַנע צײנער צעביסען? — האָט

די מאַמע פ אַ ר װ א ו נ ד ע ר ט געפרעגט. — װי האָסטו געקאָנט דערלאַנגען מיט דײַנע אײגענע צײנער דײַן שטערן?

— װי?. איך בין אַרופגעקראָכן אַף אַ שטול.

דאָס קינד און דאָס פײגעלע.

— פײגעלע, פײגעלע! — פּי, פּי, פּי!

— װ א ו איז דער טאַטע? — ניטאָ דאָ הי.

— װען װעט ער קומען? — מאָרגן פרי.

— װאָס װעט ער ברענגען? — עפּל פיר.

— װ א ו װעט ער זײ לײגן? — הינטער דער טיר.

— מיט װאָס װעט ער זײ צודעקן? — מיט פּאַפּיר.

— װער װעט עסן? — איך מיט דיר.

קומט דער ליבער זומער.

קומט דער ליבער זומער,
שפּילן מיר אין זאַמד;
װ א ו עס איז אונזער װ א ױ נ ו נ ג,
דאָרט איז אונזער לאַנד.

שװאַרצע קאַרשן רײַסן מיר,
רױטע לאָזן מיר שטײן;
גוטע קינדער נעמען מיר,
שלעכטע לאָזן מיר גײן.

אינגל. אינגער. איד. אידיש.

אַ קלוגער אינגל.

— וואָס מאַכט עפּעס דײַן קלײַן ברודערל? — האָט אײַן אינגל געפרעגט אַ צווײַטן.

— שוין אַ מאָנאַטן זעקס, ווי ער האָט אָנגעהויבן גײַן.

— האָט דער צווײַטער געענטפערט.

— אָ, אויב אַזוי, — האָט דער ערשטער אויסגערופן, — מוז ער שוין זײַן זײַער ווײַט.

אַ קלוגער פאָרשלאָג.

צוויי אינגלאַך זײַנען געגאַנגען אין וועג.

פּלוצלונג האָט אָנגעהויבן צו גיסן אַ רעגן. קײַן שירעם צו באַשיצן זיך פון דעם רעגן האָבן די קינדער ניט געהאַט.

— לאָמיר זיך זעצן דאָ אונטער די צווײַגן פון דעם בוים, — האָט פאָרגעלײַגט אײַנער פון די אינגלאַך, — וועלן די צווײַגן אונז באַשיצן פון רעגן.

— יאָ, אָבער אין אַ ווײַלע אַרום וועט דער רעגן

דורכגײן אויך דורך די צװײַגן פֿון דעם בוים. — האָט דער אַנדערער באַמערקט.

— נו, װעלן מיר זיך דאָ זעצן אונטער אַ צװײַטן בוים.

אַ צוגעדעקטע שיסל.

אַ מאַן איז געקומען אין אַ שטאָט.

אײנמאָל גײט ער אַרוים אין גאַס, דערזעט ער — אַ קלײן אינגעלע טראָגט אין בײדע הענט אַ שיסל, און די שיסל איז צוגעדעקט.

— װאָס איז דאָרט בײַ דיר אין שיסל? — האָט ער אַ פֿרעג געטאָן בײַם קינד.

— דאָס אינגעלע האָט גלײַך אָפּגעענטפֿערט:

— װען מײַן מאַמע װאָלט געװאָלט, אַז אַלע זאָלן װיסן, װאָס אין שיסל איז, װאָלט זי דאָך זי ניט צוגעדעקט.



גאַנז - גאַנדז. האַלז - האַלדז. מענש - מענטש.

די גאַנז מיט די גאָלדענע איִער.

אַ מענש האָט געהאַט אַ גאַנז. די גאַנז האָט געלײגט גאָלדענע איִער, אײן גאָלדן אײ יעדן טאָג.

איז אָבער דער מענש געווען ניט צופרידן, וואָס ער באַקומט די גאָלדענע איִער בּיסלאַכוױז. ער האָט געוואָלט באַקומען אַלע איִער פון דער גאַנז מיט אַמאָל.

האָט ער גענומען די גאַנז און זי געקוילעט. אָבער ווען ער האָט צעשניטן דעם בויך פון דער גאַנז, — טרעפט, וואָס האָט ער אין איר געפונען? — בלויז דאָס, וואָס אין אַלע אַנדערע גענז: געוויינלאַכע געדערים.

די גאַנז און דער שטאָרך.

אַ ג אַ נ ז איז געשוואומען אַף אַ טײַך.
זי האָט געזען איר בילד אין וואַסער, און דאָס בילד איז איר זײער געפעלן געוואָרן.
האָט די ג אַ נ ז אויסגעשריען:
— „איז נאָך פאַראַן אַף דער וועלט אַזאַ וואונדער־באַרער פויגל ווי איך?
„איך קען אומגײן און אומלויפן אַף דער ערד; איך קען אומשווימען אין וואַסער און איך קען אומפליען אין דער לופטן.
„קײנער פון די פויגלען קאָן זיך צו מיר ניט גלײַכן.“
— „אָ, נאַרישע ג אַ נ ז! — האָט איר אַ שטאָרך געזאָגט.
„קענסטו דען לויפן, ווי אַ הירש?
„קענסטו דען שווימען, ווי אַ פיש?
„קענסטו דען פליען, ווי אַן אָדלער?
„עס איז בעסער צו קענען אײן זאַך גוט, אײדער צו קענען פון אַ פולע זאַכן נאָר צו ביסלאַך.“

נ י ס.

אַ פאָטער האָט געגעבן זײַנע קינדער אַ קרוג מיט ניס. דער קרוג האָט געהאַט אַ שמאָל ה ע ל ז ל.

דער עלטערער ברודער האָט אַרײַנגערוקט זײַן האַנט אין קרוג און אַרויסגענומען פיר ניס. דער אינגערער האָט דערנאָך אַרײַנגערוקט זײַן האַנט און אָנגענומען אין הויפן אַזוי פיל ניס, וויפיל ער האָט נאָר געקאָנט. זײַן האַנט מיט די ניס איז אָבער ניט דורכגעגאַנגען צוריק, דורך דעם ה ע ל ז ל.

דעם אינגל איז אַ שאָד געווען אָפּצולאָזן די ניס און ער האָט זיך צעוויינט.

דער פאָטער האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט:

— לאָז אַרויס אַ העלפט ניס פון דײַן הויפן, וועסטו קאָנען אַרויסנעמען די האַנט.

ש פּ ר י כ װ אָ ר ט: פאַרנומען פיל, איז גאָרניט פאַרנומען.

דאָס הענדל.

דאָס הענדל: קו־קע־רי־קו!

דאָס אינגעלע: — ווער איז דאָס?

דאָס הענדל: דאָס בין איך, דאָס הענדל,
מיט אַ גרויסן קרײַ אין האַלז, אַפן קאָפּ אַ פּענדל.
קו־קע־רי־קו! רי־קי־קו! איך וועק פון זיסן דרימל
אי דאָס קינד אין בעטעלע, אי די זון אין הימל.

אַלע קינדערלאַך:
קו־קע־רי־קו, הענדעלאך, מיט די רויטע קאַמען!
וועקט אונז, וועקט אונז שטענדיק אוף
מיט דער זון צוזאַמען.

33

ענג. הענגט. ברענגען. בענק. דענקען.

ניט געשטויגן, ניט געפלויגן.

הערט אַקאָרשט נאָר, קינדערלאַך,
הערט מיט נאָז און אויגן:
איבער באָבע יאַכנעס דאַך
איז אַ קו געפלויגן.



דאָס איז ריכטיק, ריכטיק, ריכטיק,
דאָס איז ריכטיק אַלץ געווען.
דאָס איז ריכטיק, ריכטיק, ריכטיק,
איך האָב דאָס אַליין געזען.

זומער אָוונט אין דער פרי
איז אַ שנײ געגאַנגען,
און אַף אַ געברענטער שטרוי
איז אַ בער געהאַנגען.

דאָס איז ריכטיק, ריכטיק, ריכטיק,
דאָס איז ריכטיק אַלץ געווען.
דאָס איז ריכטיק, ריכטיק, ריכטיק,
איך האָב דאָס אַליין געזען.

אַף אַ בוים געטאַנצט אַ שער
האָבן גענז און ציגן.
און אַ קאַץ האָט זיך געזעצט
אויסמעלקן די פליגן.

דאָס איז ריכטיק, ריכטיק, ריכטיק,
דאָס איז ריכטיק אַלץ געווען.
דאָס איז ריכטיק, ריכטיק, ריכטיק,
איך האָב דאָס אַליין געזען.

האָט אַ פאַווע איינגעשפּאַנט
העכט אַ פּאָר אין צעבער.
און ביי יאַשקען אַף דער נאָז
ה ע נ ג ט אַ לונג און לעבער.

דאָס איז ריכטיק, ריכטיק, ריכטיק,
דאָס איז ריכטיק אַלץ געווען.
דאָס איז ריכטיק, ריכטיק, ריכטיק,
איך האָב דאָס אַליין געזען.

אויסגעוואַקסן.

ניסל דער שנײַדער איז געווען זייער קליין געוואַקסן.

איינמאָל כאַפּט ער זיך אויף בײַנאַכט און הייבט אָן שרײַען, מען זאָל וואָס גיכער אָנצינדן פײַער. „ער איז פּלוצלונג אַזוי גוואַלדיק אויסגעוואַקסן, אַז ער דערגרייכט אַזש פון איין וואַנט בעט צו דער אַנדערער, און אים איז נאָך ע נ ג.“

מען האָט גיך אָנגעצונדן פײַער. נאָר וואָס האָט זיך אויסגעלאָזן? — ער איז געלעגן אין דער ברייט פון בעט.

דער בעזים.

אַ פֿאָטער האָט געהאַט פיר זין. ער האָט זיי פיל מאָל אָנגעזאָגט: „קריגט זיך ניט, לעבט איינִיק צווישן זיך!“ נאָר די זין האָבן ניט געפאָלגט.

איינמאָל האָט דער פאָטער געהייסן ברענגען אַ בעזים, גערופן אַלע זין צו זיך און זיי געזאָגט:

— נאַט, צעברעכט!

יעדער איינער פון די זין האָט פּרובירט צעברעכן דעם בעזים, נאָר קיינער פון זיי האָט דאָס ניט געקאָנט.

דעמאָלט האָט דער פאָטער אופגעבונדן דעם בע־זים און געהייסן די זין, זיי זאָלן צעברעכן יעדעס ריטל באַזונדער. די זין האָבן לײַכט איבערגעבראָכן די ריטער איינציקווייז, איינע נאָך דער אַנדערער.

— אַזוי וועט אויך זײַן מיט אײַך: — האָט דער פּאָ־טער געזאָגט: — וועט איר לעבן צווישן זיך אײניק און ניט קריגן זיך, וועט אײַך קײנער ניט קאָנען בײַקומען. וועט איר זיך אָבער קריגן און רײַסן צווישן זיך, וועט אײַך יעדערער קאָנען בײַקומען און שלעכטס טאָן.

אַ קלוגער ענטפער.

צוויי אינגלאַך זײַנען געגאַנגען שפּאַצירן.

זיי זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען פאַרבײַ אַ טיפער גרוב.

פרעגט אײנער בײַם אַנדערן:

— וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען דו וואָלסט אַרײַנגע־פאַלן אין דער גרוב?

— איך וואָלט געשריען און גערופן, מען זאָל ב ר ע נ ג ע ן אַ לײטער און אַרויסנעמען מיך. — האָט דער צווײטער געענטפערט.

— און ווען קײנער וואָלט דערבײַ ניט געווען און וואָלט דיר צו הילף ניט געקומען?

— דאַן וואָלט איך אַלײן געלאָפן אַהײם, וואָלט גע־בראַכט אונזער לײטער און אַרויסגעקראָכן פון גרוב.

— און דײַן טאַטע וואָלט אַף דיר, ד ע נ ק ס ט ו, ניט געשריען, ווען דו וואָלסט גענומען די לײטער?

— וואָס מײנסטו? מײַן טאַטע איז אַזאַ שלעכטער, אַז ער וואָלט מיך געלאָזן שטאַרבן אין אַן ע נ ג ע ר און פינסטערער גרוב?

אַליע. ליוליע. שפּילעו. מאַמעניו.

די מאַמע.

אַליע, ליוליע! אַליע, ליוליע!
שלאָף, מײַן טײַערער, און רו;
וואויל איז דעם, וואָס האָט אַ מאַמען
און אַ וויגעלע דערצו.

אַלצדינג קאָן מען נאָך געפינען,
אַלצדינג קריגט מען נאָך פאַר געלט;
נאָר אַ מאַמע — זי איז אײנע,
זי איז אײנע אויף דער וועלט.

שלאָף, מײַן טײַערער, מײַן ליבער!
מאַך די אויגן צו און רו.
גוט איז דעם, וואָס האָט אַ מאַמע,
אַליע, ליוליע, אַליעליו!

קעצלס ליד.

קעצעלע, מײַן ברעקעלע,
מיט דעם גראָען עקעלע,
מיט דעם ראָזן נעזעלע,
אײנגעלע — גרין גלעזעלע, —
גרוי קעצעלע דו מײַן!

מאַך גיך צו דײַן אײגעלע,
נאָרע אײַן דײַן נעזעלע,
דרײ זיך אײַן אַ בײגעלע.

אַ ל י ע ל י ו ל י ע ל י ו, שלאָף זשע אײַן,
ליב קעצעלע דו מײַן!

מיר װײסן, מיר װײסן!

אַמאָל האָבן אין אַ קלײן דערפל געװאױנט אַ מאַן מיט אַ װײַב, זײער װאױלע מענשן.

אײן פעלער האָבן זײ נאָר געהאַט: זײ פלעגן קײנ־מאָל דעם צװײטן ניט אויסהערן אין גאַנצן און פלעגן אויסרופן:

„מיר װײסן, מיר װײסן!“

אײנמאָל איז צו זײ אַרײַן אַ איד מיט אַ שלאָפראָק אין האַנט און געזאָגט:

„װער עס װעט דעם שלאָפראָק אָנטאָן און פ אַ ר־ ש פ י ל י ע ן אים אַף אײן קנעפל, װעט זיך אופהײבן אַף צװײ אײלן איבער דער ערד.

„אַז ער װעט דעם שלאָפראָק פ אַ ר ש פ י ל י ע ן אַף צװײ קנעפלאַך, װעט ער זיך ביזן הימל אופהײבן.

„און אַז ער װעט אים פ אַ ר ש פ י ל י ע ן אַף אַלע דרײַ קנעפלאַך, װעט ער אין הימל אַװעקפליען“.

דער מאַן האָט זיך ניט פאַנאַנדערגעפרעגט, ווי אַזוי קאָן מען זיך פון הימל צוריק אױף דער ערד אומקערן, און ער האָט אויסגערופן:

„מיר ווײַסן, מיר ווײַסן!“

ער האָט גלײַך אָנגעטאָן דעם שלאָפראָק. פ אַ ר־ש פּ י ל י ע ט איזם אױף אַלע דרײַ קנעפּלאַך און איז אַוועקגעפלויגן אין הימל אַרײַן.

די ווײַב זײַנע איז נאָכגעלאָפן נאָך אים, פאַרריסן דעם קאָפּ צום הימל, און געשריען:

„זעט, מענשן, מײַן מאַן פליט אין הימל אַרײַן!“

אַזוי לויפנדיק, איז זי צוגעקומען צו אַן אָפּגרונט און איז אַהין אַרײַנגעפאַלן.

אױפן דעק פון אָפּגרונד האָט געפּליסקעט אַ קלײַן טײַכל.

מען זאָגט, אַז פון דעם מאַן איז אַן אָדלער געוואָרן און פון דער ווײַב — אַ פיש.

פאַרבלענדט. באַפרײַנדט. רעדט.

די מומע זעלדע.

לאה קאַפּילאָוויטש.

הענט אַף מײַנע אײגעלאַך,
אַ שטימע הינטער מיר:
— זאָג, ווער איז דאָס, מאָטעלע,
וואָס שטײט דאָ הינטער דיר?
— איך ווײס ניט, מומע
זעלדעניו!
דו האָסט דאָך מיך פ אַ ר־
ב ל ע נ ד ט.
ווי זשע קען איך ווײסן, אַז
דו נעמסט ניט צו די הענט?



דער פוקס און דער שטאָרך.

1.

אַ פוקס און אַ שטאָרך האָבן זיך באַפריינדט. רופט דער פוקס דעם שטאָרך צו זיך אין געסט.

קומט דער שטאָרך. און דער פוקס האָט אָנגעקאָכט קאַשע, צעשמירט אַף אַ פלאַכן טעלער און זאָגט צום שטאָרך:

— עס, טײַערער, לאָז זיך ניט בעטן. מער האָב איך דיר ניט וואָס צו געבן.

דער שטאָרך האָט געקלאַפּט, געקלאַפּט מיט דעם לאַנגן שנאָבל איבער דעם טעלער און האָט גאָרנישט ניט געקאָנט אָננעמען. און דער פוקס האָט געלעקט און געלעקט, ביז ער האָט אופגעגעסן אינגאַנצן.

דער שטאָרך האָט געדאַרפט אַוועקגיין אַהיים אַ הונגעריקער.

— קום צו מיר מאָרגן אין געסט. — האָט ער בײַם אַוועקגיין געבעטן דעם פוקס.

2.

אַף מאָרגן איז דער פוקס געקומען צום שטאָרך אין געסט.

און דער שטאָרך האָט אָנגעקאָכט קנײדלאַך, אָנ־

געוואָרפן אין אַ פלעשל מיט אַ שמאָלן העלזל און, אוועק־געשטעלט פאַר דעם פוקס.



— עס, טײַערער פוקס, און זאָל דיר וואויל באַקו־מען! מער, צום באַדויערן, האָב איך גאָרנישט, וואָס דיר צו דערלאַנגען.

דער פוקס האָט זיך געדרייט, געדרייט אַרום דעם פלעשל, האָט אָבער ניט געקאָנט אַרײַנשפּאַרן זײַן מויל אין דעם שמאָלן העלזל.

און דער שטאָרך האָט מיט זײַן לאַנגן שנאָבל אַרויסגענומען אײַן קנײדעלע נאָך דעם אַנדערן, ביז ער האָט אופגעגעסן אינגאַנצן.

דער פוקס איז אַוועקגעגאַנגען אַהיים אַ הונגעריקער און אַ צאָרנדיקער. און פון דאַמאָלסט אָן האָט זיך געענ־דיקט די פרײַנדשאַפט צווישן דעם פוקס און דעם שטאָרך.

36

לואַי. לואַיס. רואַיק.

דער שלעכטער ברודער.

סעמי און ל ו א י ס זײַנען געווען צוויי ברידער. סעמי איז געווען דער עלטערער, און ל ו א י ס דער אינגערער. פֿלעגן זיך די צוויי ברידער שפּילן צ ו ז א מ ע ן.

אַמאָל פֿלעגט אויך טרעפֿן, אַז זיי פֿלעגן זיך צעקריגן, אָבער באַלד פֿלעגן זיי גוט ווערן. סעמי, דער עלטערער, פֿלעגט אָפֿט ניט וועלן לײַדן, וואָס זײַנע עלטערן זײַנען בעסער צו זײַן קלענערן ברודערל, און וואָס אָפֿטמאָל, אַז דער פֿאָטער קומט אַהיים, נעמט ער דעם קלענערן ברודערל אַף די הענט און אים ניט.

אײנמאָל, אַז זיי האָבן זיך געשפּילט צוזאַמען, האָט סעמי געזאָגט:

„ווייסט, ל ו א י, אַז איך וועל זײַן אַ גרויסער, וועל איך קויפֿן אַ פֿערד מיט אַ וואָגן און מיר וועלן אַרומפֿאָרן.“

— „אַי גוט!“ — האָט ל ו א י אויסגערופֿן. — אַ פֿערד און אַ וואָגן! מיר וועלן פֿאָרן באַי־באַי! איך וועל זיצן אַף דער קעלניע און וועל זאָגן צום פֿערד: „גיד־אַפּ!“

„ניין, אַף דער קעלניע וועל איך זיצן.“ — האָט

סעמי געזאָגט. — „דו קענסט זיצן בלויז אין וואָגן. איך וועל טרייבן דאָס פערד און ניט דו“.

— „וועל איך זיצן מיט דיר צוזאַמען אַף דער קעל־ניע.“ — האָט ל ו א י ס געזאָגט.

„ניין, אַף דער קעלניע וועל איך זיצן אַליין!“ — האָט סעמי זיך איינגעשפּאַרט.

— „כאַטש אַף אַ ווײַלע, סעמי, וועסטו מיך לאָזן זיצן אַף דער קעלניע?“ — האָט ל ו א י ס זיך געבעטן.

ניין!“ — האָט סעמי אַ געשריי געטאָן.

— „וועל איך נאָר זיצן אַף דער קעלניע.“ — האָט ל ו א י ס געזאָגט און זיך אַרופגעזעצט אַף אַ שטול און גענומען שרייען: „גיד־אַפּ!“ „גיד־אַפּ!“ אַזוי ווי ער וואָלט אָנטרייבן אַ פערד.

„אַראָפּ פון מיין וואָגן!“ — האָט סעמי אויסגעשריי־ען און האָט ל ו א י ן אַראָפּגעשלעפּט פון שטול.

אין דעם מאָמענט איז אַרייַנגעקומען דער פאָטער. ער האָט דערהערט, וואָס דאָ איז געשען, און האָט געזאָגט צו סעמין:

„ביסט אַ שלעכטער ברודער! דו האָסט דען אַ פערד מיט אַ וואָגן? טאָ וואָרום ווילסטו ניט, אַז דיין ברודער זאָל מיינען, אַז ער פאָרט אַף דער קעלניע? וואָס וואָלט דיך געאַרט, אַז דו וואָלסט אים געזאָגט, אַז ער קאָן יאָ פאָרן אַף דער קעלניע? אָ, דו שלעכטער!“

די זיבן ציגעלאַך און דער וואָלף.

אַמאָל איז געווען אַן אַלטע ציג. האָט זי געהאַט זיבן יונגע ציגעלאַך. די אַלטע ציג האָט זייער ליב געהאַט די יונגע ציגעלאַך.

איינמאָל האָט די אַלטע ציג געוואָלט גיין אין וואַלד ברענגען שפּייז פאַר אירע קינדער. האָט זי צונויפגערופן אַלע זיבן ציגעלאַך און זיי געזאָגט:

„ליבע קינדערלאַך! איך גיי אין וואָלד. איך וויל אייך ברענגען פרישׁ גראָז צום עסן. היט זיך דאָ פאַר דעם וואָלף. וואָרים אַז ער וועט אַריינקומען, וועט ער אייך אופעסן צוזאַמען מיט דער פעל און מיט די האָר. איר קאָנט אים גלייך דערקענען אָן זיין גראָבער שטים און אָן זיינע שוואַרצע לאַפּעס.“

די ציגעלאַך האָבן געזאָגט:

„ליבע מוטער! מיר וועלן זיך שוין היטן. דו קאָנסט ר ו א י ק אַוועקגיין.“

האָט די אַלטע ציג אַ מעקע געטאָן און איז אַ ר ו א י ק ע אַוועק אין וואַלד.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט, ערשט עמיצער קלאַפּט אין טיר און רופט:

— עפנט אויף, ליבע קינדערלאַך! אייער מוטער איז געקומען און האָט אייך געבראַכט גוטע זאַכן.

אָבער די ציגעלאַך האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער וואָלף.

— מיר וועלן ניט עפענען, — האָבן זיי געזאָגט, — דו ביסט נישט אונזער-מוטער. זי האָט אַ פיינע ליבלאַכע שטימע, און דיין שטימע איז גראָב און נישט שיין. דו ביסט אַ וואָלף.

דער וואָלף איז געשטאַנען אַ ווילע און איז אַוועק.

באַלד נאָכדעם איז די אַלטע ציג געקומען אַהיים פון וואַלד. זי האָט אָנגעקלאַפּט: „קינדערלאַך, עפנט אויף אייער מוטער.“

די ציגעלאַך האָבן דערקענט דער מאַמעס זיסע שטים און געעפנט די טיר. זיי האָבן דערציילט דער מאַמען, אַז דאָ איז געווען דער וואָלף.

— קלוגע קינדערלאַך זייט איר. — האָט די ציג געזאָגט און געגעבן די יונגע ציגעלאַך זיסע פרישע גראָז, וואָס זי האָט פאַר זיי געבראַכט פון וואַלד.

כ'נייַ — איך נייַ. ס'נייט — עס נייט.
איכ'ל — איך וועל. וואָס'ט — וואָס האָט.

די קלוגע נייטאָרן.

כ'נייַ, און ס'נייט זיך אַלץ ניט צו.
אוי, מען דאַרף אַ קניפּל מאַכן;
וואַרט אַ ווײַלע, וועסטו זען,
וואָס איך מאַך פאַר שיינע זאַכן.

אַלצדינג קען איך טאָן אין הויז,
העלף איך אַלע מאָל דער מאַמען;
אַז זי קערט די קאַמער אויס,
קלײַב איך דאָס פּאַפּיר צוזאַמען.

אַז זי וואַשט אָפּ די געפעס,
נעם איך מיט אַ האַנטוך ווישן;
דאַרף זי אויסבעטן דאָס בעט,
העלף איך טראָגן איר די קישן.

אָט אַזוי העלף איך איר אַלץ.
בין איך ניט אַ גוטע מיידל?
נייען קען איך אויך, דו זעסט?
נייַ איך זיך אַ נײַע קליידל.

דער גוטער זון.

אַ אינגל האָט אַמאָל געזאָגט זײַן טאַטן:

— טאַטע! אָדער דו גײ אַרבעטן, און איכ׳ל בלײַבן אין דער הײם, אָדער איך װעל בלײַבן אין דער הײם, און דו גײ אַרבעטן.

װי געפעלט אײַך דער אױסװאַל?

אַן אַלטער װיִיטיק.

— װאָס װײנסטו, סעמי טײַערער? װאָס׳ט זיך מיט דיר געטראָפן?

— כ׳האָב אָפּגעקלאַפּט מײַן קאָפּ, הי־הי־הי־הי...

— באַװײַז — װאו, װען?

— אָט דאָ, צעקלאַפּט, נעכטן. — װײנט װײַטער סעמי.

— טאָ װאָס װײנסטו הײַנט? — פרעגט די מאַמע.

— אַזױ, װײַל נעכטן איז קײנער אין דער הײם ניט געװען.



38

אויף — אַף. **אויפ**הייבן — אופהייבן. **אויפ׳ן** — אויף דעם.
פאַר׳ן — פאַר דעם. **פונ׳ם** — פון דעם.
בײַם — ביי דעם. **צום** — צו דעם.

דער הויקער.

בײַם וואַסער איז געזעסן אַן אַלטער מאַן און גע־כאַפּט פיש. אויפ׳ן רוקן איז בײַם אַלטן געווען אַ גרוי־סער הויקער.

שלעכטע קינדער האָבן געלאַכט פונ׳ם אַלטן מאַן און געוואָרפן שטיינדלאַך אין זײַן הויקער. דער מאַן האָט זיי אָבער גאָרנישט ניט געזאָגט.

פּלוצלונג האָט זיך איינער פון די שטיפער אויסגע־גליטשט און איז אַרײַנגעפאַלן אין וואַסער אַרײַן.

אין איין אויגנבליק האָט דער הויקער אַראָפּגע־וואָרפן פון זיך זײַנע קליידער און שטיוול און איז אַרײַנ־געשפּרונגען אין וואַסער; ער האָט געכאַפּט דעם אינגל פאַר׳ן גאַרטל און אַרויסגעשלעפּט אים פון וואַסער.

דער זיידע און דער אייניקל.

דער זיידע איז געוואָרן זייער אַלט. קוים וואָס ער האָט זיך געהאַלטן אויף די פיס. זיינע אויגן האָבן שוין שלעכט געזען, זיינע אויערן שלעכט געהערט, און אין מויל האָט ער קיין ציין נישט געהאַט. ביים עסן פלעגט זיך אים גיסן צוריק פון מויל אויפ׳ן טישטוך. האָבן דער זון און די שנור אים אויפגעהערט צו זעצן ביים טיש און געגעבן אים עסן הינטער׳ן אויוון.

איינמאָל האָט מען דעם זיידן געבראַכט עסן אין אַ ליימענער שיסל. דער זיידע האָט זי געוואָלט צורוקן נעענטער. זיינע הענט האָבן זיך אָבער געטרייסלט. און ער האָט אומגערן אַראָפּגעוואָרפן די שיסל און זי צעבראָכן.

די שנור האָט דערפאַר דעם אַלטן אָנגעזידלט; און פון דאַמאָלסט אָן האָט זי אים אָנגעהויבן צו געבן עסן אין אַ הילצערן שיסעלע.

איינמאָל זיינען מאַן און פרוי געזעסן און געקוקט, ווי זייער זונעלע שפּילט זיך אויפ׳ן דיל מיט ברעטלאַך.

— וואָס מאַכסטו דאָס, לייבעלע? — האָט איב דער טאַטע געפרעגט.

— איך מאַך, טאַטעניו, אַ שיסעלע. — האָט לייי־

בעלע געענטפערט. — ווען דו און די מאַמעניו וועלן אַלט ווערן, וועל איך אײַך פון דעם עסן געבן.

דער פאָטער און די מוטער האָבן זיך איבערגע־קוקט, זײַנען רויט געוואָרן און האָבן זיך צעוויינט. און פון דאַמאָלסט אָן האָבן זיי ווידער אָנגעהויבן צו זעצן דעם אַלטן טאַטן בײַם טיש און האָבן זיך מיט אים זייער גוט און איידל באַגאַנגען.

מאָרגן-גליק. פרילינג-טאָג.

פרימאָרגן.

שטיל, שטיל, שטיל,
שווייגט איצט אויך די גריל.
בלויז אַ ווינטל קיל
וואַנדערט אום אַזוי;
און מיט פרישן טוי
זילבערט בוים און גראָז
און דערציילט זיי וואָס —
שטיל.

צווי, צווי, צווי —
טוט פון בוים אַ פלי.
גיט מיין האַרץ אַ ציִ:
ס'איז פייגעלע אַוועק,
ערגעץ ווייט אַוועק.
קומט עס באַלד צוריק,
זינגט פון מאָרגן־גליק,
צווי.

שלעכט וואַסער.

עס איז געווען אַ שיינער פרילינג־טאָג. אַ גרופּע קינדער האָבן זיך געשפּילט אין אַ פּאַרק. זיי זיינען אומ־געלאָפן און אומגעשפּרונגען.

נאָר מער פון אַלע אַנדערע קינדער האָט געשטיפט און געשפּרונגען לייבל. ער האָט זיך צעהיצט. זיין גע־זיכט איז געוואָרן רויט. פון זיין שטערן האָבן געקאַפּעט גרויסע טראָפּנס שווייס. און לייבל האָט דערפילט, אַז ער איז זייער דאָרשטיק.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָרט ניט ווייט איז פאַראַן אַ קוואַל קאַלט וואַסער. איז ער אַוועקגעלאָפן צום קוואַל, האָט זיך איינגעבויגן און אָנגעטרונקען זיך מיט'ן קאַלטן וואַסער אַזוי פיל, וויפיל ער האָט נאָר גע־קאָנט. ער האָט דערפילט, ווי עס איז אים געוואָרן קיל און אָנגענעם.

— דער קוואַל האָט וואונדערבאַר וואַסער! — האָט לייבל געטראַכט. — ער איז אַ דערקוויקעניש. עס איז אַ פאַרגעניגן צו טרינקן זיין וואַסער!

און לייבל האָט זיך אויסגעצויגן אין שאָטן פון אַ בוים — אָפּרוען זיך אַ ביסל. אָבער באַלד האָט לייבל דערפילט עפּעס אַ שטאָך אין זייט. אים איז געוואָרן ניט גוט. עס האָט אים אָנגעהויבן צו פיבערן.

לײבל האָט זיך אויפגעהויבן און אַװעקגעשלעפּט זיך אַהײם. דאָס שטעכן אין זײַט איז געװאָרן אָפּטער. ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס.

לײבל האָט זיך אַװעקגעלײגט קראַנק און האָט אָפּגעקרענקט אַ גאַנצן מאָנאַט. יעדן טאָג פלעגן קומען דאָקטוירים, פאַרשרײַבן אים ביטערע טראָפּנס און געהײסן לײגן אײַז צום קאָפּ.

װען לײבל האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך און געזונט צו װערן, האָט ער געזאָגט דער מאַמען זײַנער:

— װען איך װאָלט געװאוסט, אַז דאָס װאַסער פונ׳ם קװאַל איז אַזױ שלעכט, אַזױ גיפטיק, אַז װי נאָר מען טרינקט עס װערט מען קראַנק, װאָלט איך זיך צו דעם ניט צוגערירט פאַר קײן געלט אויף דער װעלט!

— נאַריש אינגעלע! — האָט אים זײַן מאַמע געענטפערט. — ניט דער קװאַל איז שולדיק און ניט דאָס װאַסער, נאָר דײַן אומפאָרזיכטיקײט. איך האָב דאָך דיר פיל מאָל געזאָגט, דו זאָלסט ניט טרינקען קײן קאַלט װאַסער, װען דו ביסט דערהיצט אָדער פאַרשװיצט.